זיבעצענטער יאהרגאנג

№ 31

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". • פרייז 20 גראשן •

טשענסטאכאווער צייטונג

Piątek 5 sierpnia 1938 | ליכט-צינדען 7.07 | פרייטאג פ' דברים ח' אב תרצ"ח

Biblioteka Jagiellońska Kraków

משה אש

איכה?

שוין קרוב צוויי טויזענד יאהר זיצט דער יוד ווי אנ'אבל אויף דער ערד אין יאהרצייט פון גרויסען חורבן וואס איז געשעהען דעם יודישען פאָלק — תשעה באב, וויינט און קלאגט און שטעלט זיך די פראגע: „איכה?"

גרויס און מעכטיג איז געווען דאס יודישע פאָלק; די גרעסטע און שטארקסטע מלוכות האבען זיך מיט איהם גערעכענט, פאר זיין ווילען געבויגען. ליידער אָבער, די שנאת חנם און פאַרטיי ארומרייסענישען, האבען חרוב געמאכט — צוערשט די אונאָבהענגיגקייט פון דער יודישער מלוכה, שפּעטער דאס יודישע לאַנד, פערטריבען די יודען אין גלות. דאך אבער, פערשטעהט נישט דער יוד די סיבה פון זיין אומגליק און פרעגט: „איכה...?"

זייט דעם גרויסען חורבן פון ארץ ישראל, ווען די יודען זענען פערטריבען געוואָרען אין גלות, צו שאנד און שפּאָט געווארען צווישען די אומות העולם, געוואנדערט פון מדינה צו מדינה, שטאדט צו שטאדט, איבעראל ארויסגעטריבען אדער גאר נישט ארייננעלאָזט געווארען, געמוזט תמיד זוכען פרישע מקומות, וואו דעם קאָפּ אנידערצולייגען און פונדעסטוועגען נישט געגעבען זיך די מ"ה צו בעזייטיגען די סבות וואס האבען גורם געווען צום חורבן, נאר ווען עס איז געקומען תשעה באב, די יאהרצייט פון חורבן, זיך געזעצט קלאגען און פרעגען: „איכה?"

דורך דער צייט האבען די יודען מיטגעמאכט נישט ווייניג צרות און בזיונות, צעהנדליגער טויזענדער זענען אומגעקומען אויף קידוש-השם, נישט ווייניג יודיש בלוט איז פערגאָסען געווארען בעת די קרייץ צוגען, אינקוויזיציעס, גזירות ת"ח, פאָגראָמען אין רוסלאַנד און אוקראינע, לעצטענס צרות דייטשלאַנד, עסטרייך און פיעל לענדער, וועלכע האבען געהאט מפלות איז די שולד פון דורכפאַל געוואָרפען געווארען אויף די יודען, עס איז אויך צוריק בענייט געווארען דער שוין לאַנג דורכגעפאַלענער בלבול וואס ווערט אָנגערופען „עלילת דם". אויך יעצט ברענגען מיר נישט ווייניג קרבנות אין ארץ ישראל, דאס אלעס האט אָבער אונז נאָך נישט געגעבען די געהעריגע לעהרע פון שלום און אחדות, איינינקייט פון אלע פאַרטייען אין ארץ ישראל ווי אויך אין גלות. ווען עס וועט אָבער אָנקומען דער פאַר אונז טרויער טאָג, תשעה באב, וועלען מיר זיך ווייטער זעצען אויף דער ערד און קלאָגען: „איכה"?

איכה! ווי אזוי איז געשעהען און געשעהט ווייטער אונזער אונטערגאַנג? ליידער האבען מיר אליין דערין א גרויסען חלק, מיר געבען זיך נישט אָב קיין רעכנונג וואָס פאַר א פער-אַנטוואָרטליכקייט מיר טראגען אויף זיך, פערנעמען זיך מיט אָרומרייסענישען און שנאת חנם, פערזעהען די וויכטיגסטע אינטערעסען אין וועלכע ס'איז אָבהענגיג די עקזיסטענץ פון יודישען פאָלק.

אָט, דעריבער בלייבט פאַר אונז ווייטער נישט פערענטפערט ירמיהו'ס האַרצרייסענדע קלאָג ליעד, וועלכעס מיר דערמאנען יעדעס יאהר אין תשעה באב—„איכה"?

DR. MED.

Cz. ORLIŃSKA

powróciła

przyjmuje od godz. 2 do 4 pp.

Aleja Kościuszki № 25.

דאנקזאגונג.

דעם קאָמיטעט פון די זומער-קאָלאָניעס מיין דאנק פאר דער זאָרגפעלטיגער און גוטער בעהאנדלונג פון מיין טעכטערל, וועלכע איז ממש געהאָלפען געווארען. דאס, וואס דאקטוירים האבען נישט בעוויזען דורך לאנגע קוראציע האט ב"ה די זומער-קאָלאָניע בעוויזען דורך דער קורצער צייט.

מאיר ליפשיץ, וויעלון.

א הערצליכען דאנק פאר דער גוטער בעהאנדלונג אויף די זומער קאָלאָניעס.

גאד, כמורא, קאמינסקי, העלפגאָט, ראָזענבלום, יאָסקאָוויטש, וואָלקאָוויטש, לעווקאָוויטש, כאסקעל שמולעוויטש, הערשליקאָוויטש, וויעלון

דער ערשטקלאַסיגער
פוטער-ווערקשטאט
פון די ברידער אַבערמאַן
איז פון 1-טען יולי ד. י.
איבערגעטראָגען געוואָרען
אין לאָקאל פון דער פירמע
איידעלמאַן, פילסודסקי № 7
נוצט אויס דעם ביליגען חודש פון איבער-אַרבייטען אַלערליי פוטערס אויף בעשטעלונגען

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2

i Warszawska 37.

מאכט בעקאַנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאַנץ, וואס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאפט האָבען מיר

פערביליגערט די פרייזען:

א קאָלנער מיט א הערליכען גלאַנץ 10 גר.

א העמד — — — 40 „

אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט.

ספעציאַליטעט: פאַרבען לעדערנע קורטקעס

אָבצונעמען א בריעף

פון עמיגראַציע-סינדיקאַט אין קעלץ איז פערהאַן א בריעף פאר א געוויסען הירשל וויצמאַן פון טשענסטאָכאָוו. דער בריעף איז אַדרעסירט אויף מאַלטשעווסקי-גאַס און על פי-טעות איז ער אָבגעגעבען געווארען צו וויצמאַן, אַלטער מאַרק 27, וואו מ'קען איהם אָבנעמען.

זאַל פון די פייערלעשער.

שבת, ד. 6 און זונטאָג, ד. 7 ד. ח. 9 אָוועגד

וועלען אויפטרעטען די מייסטערס פון הומאָר און געלעכטער

ש. דזשיגאַן, י. שומאַכער

די בעסטע אויספיהרערין פון יודישען פאָלקס ליעד

לאלא פאלמאן

אין א גרויסען, אַקטועלען פראָגראַם, די בעסטע שלאָגערס געשפילט געווארען אין ווארשא א גאנצען סעזאָן

האט די וועלט א יודעלע

פרעהליכע פאַנאָראַמע אין 2 טיילען, 15 בילדער.

טעקסטען: נאָדעלמאן, גאָלדשטיין, פערלאָוו. — מוזיק: שאיעוויטש, פאָלמאן. ביים פאָרט.: פערלאָוו.

בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוק. פון ה' באָטשאן, שבת א גאנצען טאָג און זונטאָג פון 6 אין קאסע

טליתים

זיידענע, וואָלענע

חומשים, מחזורים

סידורים, טליתים קטנים, ציצית, מזוזות, קאַפּלעך, גאַרטלען, שול-ביכער העברעאישע, פוילישע

ב. יאָסעלעוויטשא 1 פראָנט-געוועלב

7-mio klasowa Koedukacyjna Szkoła Powszechna

Mgr. T. Wajnberżanki

w Częstochowie, I-a Aleja № 8.

די שול-קאַנצעלאַריע איז מודיע דעם ג' פובליקום, אַז אין משך פון גאַנצען חודש שטרפּיען ד. י. ווערען אָנגענומען איינשרייבונגען אויפ'ן נייעם שול-יאהר אין אַלע קלאַסען יעדען טאג פון 9 ביז 12.

גלייכצייטיג מאַכען מיר אויפמערקזאַם, אַז די פאַרבערייטונגס-קורסען אין אַלע קלאַסען קומען פאַר יעדען טאג רעגולער דעם גאַנצען חודש.

בעמערקונג: ס'ווערען אויך אָנגענומען שילער פון אַנדערע שולען אויף אַלע העברעאישע למודים. דער שכר-למוד איז א מינימאלער

טעלעגראַם!

האַלאָ! האַלאָ!

גרויסער סיורפּריז פאר די בעזוכער פון קינא „לונאַ"

אין עטליכע טעג ארום אויף דער סצענע א גרויסע רעוויע

פון הומאָר, געזאנג און טענץ

פון די אויסגעצייכענטע אַרטיסטען, ליבלינגען פון אלע טעאַטער-בעזוכער

טאַדעאוש פאַלישעווסקי, יעזשי וועליש, אירענאַ סקווירטשינסקאַ, טייסאַ פוכאַלסקאַ אויגעניוש פאָפּטשינסקי, מילאַ קאָלפּיקובנאַ

מיט'ן בעריהמטען פילם א. ט.

Piętno przeszłości

z Bette Davis.

פאַרבעריי

און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

פיליע 2-טע אַלעע 16 (הויז פון ה' אינויך)

מענער-קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפיגעל-גלאַנץ צום פרייז 10 גר.

ספעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פארבען לויט מוסטערן, 3) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען אויפ'ן אָרט), 4) כעמישריינינגען און פאָסאָנירען קאָפּעלושן.

די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַן אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין ווארשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

אונזער שוועסטערן-טאכטער רבקה און יעקב עליאַש

צום געבורט פון זייער זוהנעלע

ווינשען מיר פיעל גליק און א גרינגע ערציהונג

משה פערעצאָוויטש, פרוי און זיהן

יודעל קאסריעל און פרוי.

אונזערע פריינד יעקב עליאַש און פרוי

צום געבורט פון זייער זוהנעלע

ווינשען מיר פיעל גליק און נחת, זאָל ער אייך גרינג דערציגען ווערען

שלמה מענדלעוויטש און פרוי

מזל-טוב אונזערע פריינד העניך ערליך און פרוי

צום געבורט פון זייער טעכטערל

א גרינגע דערציהונג

שלמה מענדלעוויטש און פרוי

אונזער ברודער און שוואגער דוד

צו זיין תנאים מיט פרל. אסתר בערקאָוויטש

ווינשען מיר פיעל גליק

יעקב וואָלף בערקאָוויטש און פרוי

אינ'ם בעקאַנטען טישלער-ווערקשטאַט

א. ד. מ. י. ברוסט, אלעע 31

ווערט ווייטער אויסגעאַרבייט אַלערליי ווייס מעבעל

קיכען, קינדער-צימערן און געוועלב-איינריכטונגען, נייע מאָדעלען רעיעלע בעהאַנדלונג. פונקטליכע אויספיהרונג.

מיר פערהאָפען, אז די ג' קליענטעלע וועט זיין העכסט צופרידען פון די בעשטעלונגען, וואס זיי וועלען ביי אונז מאַכען.

מיט אכטונג י. ברוסט, אלעע 31

געברויכטע מעבעל

צו פערקויפען

אַלעע וואַלנאַשטשי 11 וו. 47

ונתתי שלום בארץ־ואין מחריד

שוין א לענגער צייט הערען מיר פון פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך וועגען מחלוקות און ארומרייסענישען צווישען אחינו בני ישראל. ווער שמועסט, ווען עס קומט צו וואהלען פון רבנים אדער ראשי־הקהלה, דערגעהן די מחלוקות צום קולימינאציע־פונקט, נישט אויסמיידענדיג מסירות און מלשונות, וואס ברענגט צו א גרויסען חילול השם. עס איז אבער אויך פערהאן א צייט ווען אלע יודען מאכען שלום און ארבייטען צוזאמען לטובת הכלל, דאס איז דאמאלס ווען עס קומט אנ׳אומגליק אויפ׳ן יודישען פאלק, א פאגראם אדער גזירות־רעות, וועלכע פעראייניגען אלע פארטייען, און פראטעסטירען איינהייטליך געגען דער עוולה, וואס ווערט בעגאנגען לגבי א שוואך פאלק; דאמאלס עקזיסטירען נישט קיין פארטייען און חלוקי־דעות, נאר איין יודיש פאלק. דערויף זאגט דער פסוק: אויב די יודען וועלען געהן אין גאט׳ס דרכים, ונתתי שלום בארץ ואין מחריד, וועל איך מאכען שלום צווישען אייך אויך אין א צייט, ווען איהר וועט נישט דארפען מורא האבען פאר אויסערען, אין א צייט, ווען עס וועלען נישט זיין קיין פאגראמען און גזירות, אין א צייט, ווען איהר האט ליעב זיך צו שפיעלען אין פאליטיק און מחלוקות, דאמאלס וועל איך צווישען אייך שלום מאכען.

שוין אנ׳ערך זיבען יאהר ווי אין אונזער שטאדט ווערט צוליב שנאת חנם געפיהרט א קאמף צווישען די יודישע פארטייען. דער קאמף האט זיך איבערגעטראגען אויך אין די קהלה ארגאנען און גורם געווען שיעור צו א צוזאמענברוך פון דער היגער קהלה־רעפרעזענטאנץ. ווען עס איז געקומען צו א בודזשעט, איז ער צוליעב אט די דאזיגע פארטיי־מחלוקות נישט געווארען בעשטעטיגט און עס האבען דאדורך געליטען די קהלה בעאמטע, וועלכע האבען נישט בעקומען געהעריג אויסגעצאהלט זייערע פענסיעס, עס האבען געליטען די וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס, וואס האבען נישט בעקומען די בעשטימטע סובסידיעס, עס האבען געליטען די ארימעלייט, וואס נעמען יעדעס יאהר קמחא און וואס דאס איז זייער איינציגע הילף צו קענען פסח מאכען, די מקוה, וואס איז מיט שווערע מיה און אנשטרענגונג מיט בערך דרייסיג יאהר צוריק אויפגעבויט געווארען דורך די דאמאלסדיגע קהלה־פיהרער אין אנ׳אייגענעם הערליכען בנין און איז ביז׳ן היינטיגען טאג א ציהרונג פאר אונזער קהלה — איז נישט איינמאל אויסגעשטעלט געווארען אויף ליציטאציע און בעדראהט געווען איבערצוגעהן אין פרעמדע הענד. דאס אלץ האט נישט געווירקט אויף אונזערע כלל־טהוער און איז נישט געווען קיין געניגענדער מאטיוו אוועקצובויגען די פארטיי - חשבונות לטובת הכלל, אזוי, אז אין יאהר 1937 איז דער קהלה־בודזשעט איבערהויפט נישט בעשטעטיגט געווארען.

אויף די הייריגע בודזשעט זיצונגען פון ראט און פון דער פערוואלטונג איז אבער געשעהן א נס, אויף וועלכען קיינער האט זיך נישט געקענט ריכטען. אלע דאזיגע און פרנסים, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אגודה, ציונים, מורחים, פילצער חסידים, האנדווערקער, קליינהענדלער און דעמאקראטען, זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז מען דארף פערבויגען פון די פארטיי־זאכען לטובת הכלל און איינשטימיג בעשטעטיגט דעם בודזשעט, וועלכער איז א רעאלער, גלייכט אויס אלע ביז יעצטיגע חסרונות און פעהלערן און איז געשטיצט אויף פעסטע יסודות. צי איז דאס נישט א ג־ויס געווינס פאר אונזער קהלה און בעווייזט, אז יעצט הויבט אן אלץ אויפצולעבען, עס הערט אויף די שנאת חנם און עס קומט צוריק די צייט פון שלום און אחדות אין אונזער שטאדט?

יעצט איז ביי אונז מקוים געווארען דער פסוק פון דער תורה: ונתתי שלום בארץ ואין מחריד. פאר א יאהר האט זיך דער שלום צווישען די היגע יודען אליין געשאפען בעת די טרויעריגע עקסצעסען. היינט אבער ווען דער שלום איז געקומען פאר אונזער קהלה אין א רוהיגער צייט, אין א צייט פון ואין מחריד, ווען מיר האבען נישט קיין מורא — איז עס א ברכה פאר אונז, און מיר האפען, אז דער שלום וועט שוין ביי אונז לאנג אנהאלטען.

א. ב.

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— דער גריכישער פרעמיער און דער בולגארישער פרעמיער האבען אין סאלאניקי אונטערגעשריבען א דעקלאראציע, אין וועלכער עס ווערט געזאגט, אז „די פעראייניגונג פון די באלקאנישע מלוכות פון איין זייט און בולגאריען פון דער צווייטער זייט שליסען צווישען זיך א נישט־אגרעסיע־אבמאך". דער דאזיגער געשלאסענער אבמאך איז אין די פאליטישע קרייזען אויפגענומען געווארען מיט פרייד.

— קאנצלער היטלער האט בעשאנקען מיט דער באנד פון „דייטשען אדלער" העגרי פארד׳ען לכבוד זיין 75־יעהריגען געבורטס טאג. פארד האט אלס תשובה ארויסגעשיקט א דאנקבריף צום דייטשען אמבאסאדאר אין וואשינגטאן.

— קיין לאנדאן זענען אנגעקומען ידיעות, אז אין מאסקווע איז שוין אויסגעפערטיגט געווארען דער בעשולדיגונגס אקט געגען געוועזענעם סאוויעטישען גענעראל פראקוראר און על־מסטען באלשעוויק קרילענקא, וועלכען ס׳ווערט צוו. אנג. פארגעווארפען, אז ער האט בעוואוסטזיניג בעפוילען צו בעפרייען די „אמת׳ע שונאים פון פאלק" דאגעגען סטאלינ׳ס אנהענגער האט ער געהייסען דערשיסען פאר׳ן מינדעסטען חטא.

— פון האנג־קאנג פערזיכערט מען, אז די כינעזישע רעגירונג האט דערהאלטען נייעס מילדערע בעדינגונגען, אויף וועלכע יאפאן וואלט געווען גענויגט אבצושטעלען די קריגס אפעראציעס.

— דער שטאב פון דער קארעאנישער ארמעע האט פערעפענטליכט צוויי קאמוניקאטען, פון וועלכע ס׳איז צו דרינגען, אז די סאוויעטישע אעראפלאנען זענען אריבערגעפלויגען די גרעניץ און באמבארדירט פערשידענע ערטער אין קארעא. דאגעגען די סאוויעטישע פרעסע אגענטור דערצעהלט, אז דאס יאפאנישע מיליטער אטאקירט די סאוויעטישע גרעניצען. פון ביידע צדדים זענען פערהאן פערוואונדעטע און הרוגים. סיי דער יאפאנישער אמבאסאדאר אין מאסקווא און סיי דער סאוויעטישער אין טאקיא האבען בעלעגט געגענזייטיגע פראטעסטען געגען דעם פערגוואלדיגען די גרעניצען.

— דאס שפאנישע רעגירונגס־מיליטער איז די לעצטע טעג כסדר אין אפענסיווע און פערנעמט וויכטיגע סטראטעגישע פונקטען.

די א״י טליוונגס קאמיסיע האט אבגעהאלטען איהר לעצטע זיצונג אין א״י. עס זענען פעהרהערט געווארען פארשטעהער פון דער עקזעקוטיווע פון דער אגענץ און פון פינאנץ־דעפארטאמענט און נאכדעם ווי די קאמיסיע איז אבגעפאהרען קיין עגיפטען וועט זי דעם 15 דח. בענייען איהרע ארבייטען אין לאנדאן און דאן צוזאמעטען צום אויסארבייטען דעם בעריכט, וואס דארף צוגעשטעלט ווערען דער בריטישער רעגירונג.

— דער סעקרעטאריאט פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים טיילט מיט, אז עס זענען געמאכט געווארען נייע פערלייכטערונגען פאר די יודישע סטודענטען פון עסטרייך, כדי זיי צו ערמעגליכען צו שטודירען אויף דער העברעאישער אוניווערזיטעט.

— דר. י. סהאן און הרב בלוי האבען בעזוכט דעם ירושלים׳ער דיסטריקט קאמיסאר און אין איהם איבערגעגעבען א פראטעסט פון ישוב געגען דעם פלאן צו בעשטימען אין ירושלים אנ׳אראבישען בירגערמייסטער אויפ׳ן אמט פון איצט־אמטירענדען יודישען בירגערמייסטער דר. אויסטער.

— דעם 9 ד. ח. פערלירט דער ביז־יעצטיגער קלירינג־אבמאך צווישען דעם פוילישען קלירינג־אינסטיטוט מיט דער יודישער אגענץ זיין גילטיגקייט. היות די שטעלונג פון דער פוילישער רעגירונג געהט זיך זעהר ווייט פונאנדער לויט די אגענץ פארשלאגען, איז דער מיטגליד פון דער אגענץ־דעלעגאציע דר. פיילכענפעלד אבגעפאהרען קיין א״י, כדי פערזענליך צו רעפערירען די געשאפענע לאגע פאר דער עקזעקוטיווע.

— אין עלטער פון 44 יאהר איז אין ירושלים געשטארבען דר. אלעקסאנדער אויג, לעקטאר פון באטאניק אויף דער העברעאישער אוניווערזיטעט.

— דער בעריהמטער יודישער קינסטלער מאריס שווארץ איז אבגעפלויגען קיין ארץ־ישראל, וואו ער וועט רעזשיסירען די אויפפיהרונג פון י. י. זינגער׳ס „ברידער אשכנזי" אין דעם ארבייטער־טעאטער „האהל".

— דער הויך קאמיסאר סיר הארלאד מעק־מייקעל האט בעשטעטיגט דעם טויט־אורטייל אויף דעם יודישען פאליציאנט מרדכי שווארץ. מרדכי שווארץ איז פערמשפט געווארען צום טויט דורכ׳ן חיפה׳ער קרייז געריכט אין רעזולטאט פון א טראגישען אינצידענט, וואס האט זיך אין הערבסט פאריגען יאהר אבגעשפילט ביי דער זומער־רעזידענץ פון הויך־קאמיסאר אין עטלית, וואו שווארץ האט דערשאסען אנ׳אראבישען פאליציאנט, וואס איז געשטאנען אויף דער וואך. דער טויט אורטייל דורך העגגען דארף אויסגעפיהרט ווערען דעם 16 ד. ח. אויפ׳ן הויף פון דער תפיסה אין עכו.

— פון ווינען ווערט מיטגעטיילט, אז פון 1־טען אויגוסט זענען שוין אריין אין קראפט אלע נירענבערגער געזעצען אויפ׳ן שטח פון עסטרייך. דער גאולייטער בירקעל האט אויפגעפאדערט אלע מיטגלידער פון דער נאצי־פארטיי שטרענג אבצוהיטען די דורכפיהרונג פון די דאזיגע געזעצען.

— אין ווינען איז געעפנט געווארען די אנטי־יודישע אויסשטעלונג „דער אייביגער יוד", וואס האט זיך פריהער געפונען אין מינכען. די אויסשטעלונג איז דערגענצט געווארען מיט א רייהע מאטעריאלען פון דער געשיכטע פון די ווינער יודען.

— דער פויבסט האט בעת אנ׳אויפנאהמע פאר די אנפיהרער פון קאלעגיום צו פראפאגירען דאס קאטוילישע גלויבען, וואס האבען רעפרעזענטירט 37 נאציאנאליטעטען, געהאלטען א גרויסע רעדע, ווארנענדיג זיי געגען די ראסען־טעאריעס און אויסגעדריקט זיין בעדויערען, אז איטאליען האט איינגעפונען פאר ריכטיג צו קאפירען דייטשלאנד.

— די ליטווישע פרעסע גיט־איבער, אז מעמעלער דייטשען זענען בעפאלען באנג׳ס ליטווישע רעסטאראציע און דארט אויסגעהאקט אלע שויבען, וואס ס׳האט ארויסגערופען אין דער מעמעלער ליטווישער געזעלשאפט א שטארקע אויפרעגונג.

— דער עמיגראציע־סינדיקאט האט בעקומען א מעלדונג פון דער בעלגישער מאכט, אז אנהויבענדיג פון 1 טען אויגוסט וועלען מעהר קיין קאלעקטיווע וויזעס נישט ארויסגעגעבען ווערען אין פוילען, דורך די בעלגישע קאנסולאטען, נאר אויף דער דייטש־פוילישער גרעניץ.

— דעם 13 ד. ח. וועט דער אדוואקאטען־ראט אבהאלטען זיין ערשטע זיצונג, אויף וועלכער עס וועט בעהאנדעלט ווערען די פראגע וועגען א נייעם קאנטיגענט אדוואקאטען.

— דער אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק איז צוזאמען מיט זיין פרוי, אין דער בעגלייטונג פון קאבינעט־דירעקטאר מיכאל לוביענסקי און פערזענליכען סעקרעטאר קאזשימיעזש קראשיצקי, אבגעפאהרען מיט אנ׳אפיציעלען בעזוך קיין נארוועגיען.

— אין רעזולטאט פון דער אקציע פון אינערן־מיניסטעריום צו בעקעמפען דאס אנקומען קיין פוילען פון נישט־געוואונשענע אויסלענדער, בפרט פון דעם געביעט פון געוו. עסטרייך, זענען די לעצטע טעג אבגעשיקט געווארען קיין בערעזע: אינזש. לעאן קלאהר און הענריק דאוויד, וואס האבען זיך געפינען אין דער קראקאווער וואיעוואודשאפט.

איכה...

חזון־פעליעטאן

דעם חורבן בית המק־ש און דאס פערלירען די פאליטישע זעלבסשטענדיגקייט פון די יודען אין ארץ ישראל מיט קנאפע צוויי טויזענד יאהר צוריק האט דער גרויסער יודישער נביא ירמיהו פעראייביגט אין א גרויסען קלאג־ליעד א. נ. איכה.

דער הייסער נאציאנאלער יודישער פאטריאט וויינט און קלאגט אויפ׳ן חורבן פון זיין פאלק, וועלכעס ווערט פערטריבען אין גלות און ער שרייט אויס פאר דער גאנצער וועלט זיין וועהטאג און דעם וועהטאג פון זיין אומה.

דערביי אבער רעדט דער יודישער נביא נישט בלויז וועגען אומגליק, וואס עס האט געטראפען דאס יודישע פאלק, נאר אויך וועגען דעם חורבן פון אנדערע פעלקער, ווייל לויט דער יודישער מענטאליטעט איז יעדע צרה, וואס קומט איבער איין פאלק דאס אומגליק פון אלע פעלקער, ווארום די אויפגאבע פון די פעלקער דארף זיין שלום, אחוה ורעות, ברידערליכקייט דאיף הערשען אויף דער וועלט און טאמער ווערט איין פאלק בע׳עולה׳ט איז א סימן, אז די איבריגע פעלקער, וועלכע קוקען־צו צו די ליידען פון איין פאלק און טהון זיי נישט געגענווירקען, זענען זיי רשעים און פעראורזאכען דעם חורבן נישט נאר פון געגעבענעם פאלק, נאר זיי העלפען צו צום חורבן פון דער גאנצער וועלט.

איכה, זאגען יודען אום תשעה באב, אין יאהרטאג פון חורבן בית המקדש. און צום סוף פון איכה בעטען זיי מיט פערוויינטע אויגען, אז עס זאל שוין א סוף נעמען צו די צרות, אז די גאנצע וועלט, אלע פעלקער זאלען ענדליך עפענען זייערע אויגען און זעהען ווי אזוי זיי זענען געווען פערבלענדט און אנשטאט רשעות און געמיינהייט זאל יושר און צדק אנהויבען הערשען אויף דער וועלט און במילא וועט אויך פאר׳ן יודישען פאלק אויפשיינען א מילדע זון און עס צוריקשטעלען צוגלייך מיט אלע פעלקער.

מגילת איכה, וואס איז אנגעשריבען געווארען פון ירמיהו הנביא מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק איז היינט אויך נאך אקטועל און נישט נאר יודען דארפען עס זאגען אין תשעה־באב, נאר אלע רעכט־דענקענדע מענשען פון אנדערע פעלקער דארפען עס זאגען א גאנץ יאהר, ווייל גרויס איז דער חורבן פון דער וועלט, וועלכע קייקעלט זיך אראב אין אבגרונד און וואלגערט זיך אין שטויב... אויב עס וועט ווייטער אזוי געהן וועט די גאנצע וועלט חרוב ומחרוב ווערען.

איכה — עס א׳ז כלומרשט געשאפען געווארען די פעלקער־ליגע, וועלכע זאל אכטונג געבען, אז איין פאלק זאל נישט פערלענדען דאס צווייטע פאלק; דער שטארקער זאל נישט צורייסען דעם שוואכען. נו, דארף מען דען נישט וויינען און קלאגען אויף איהר הילפלאזיגקייט, איז העט דאס אביסינישע פאלק נישט פערציקט געווארען דורכ׳ן איטאליענישען לייב און דער לייימענער גולם, וואס רופט זיך פעלקער־ליגע, האט זיך גלייכגילטיג צוגעקוקט צו דעם אלעם און געשוויגען! — איכה.

אין שפאניען גיסט זיך שוין העכער צוויי יאהר בלוט. די פאשיסטישע מלוכות שיקען דארט אהין זייערע פערדארבונגס מכשירים, וואס מאכען חרוב דאס שעהנע שפאניען און מען מארדעט אויס נישט נאר גרויסע דערוואקסענע, נאר מען צופערטעלט אהן רחמנות קליינע אונשולדיגע קינדערלעך און די גאנצע וועלט, אפילו די יעניגע מלוכות, וועלכע געהן אן כלומרשט פאר דעמאקראטישע, קוקען זיך גלייכגילטיג צו צו דעם שדים־טאנץ און טוען גארנישט, כדי אבצושטעלען דעם גרויזאמסטען פון אלע גרויזאמע, מארדען.

אין אנבליק פון דעם שפאנישען חורבן דארף אנגעשריבען ווערען א נייע מגילת איכה, וואס זאל נישט נאר וויינען נאר זאל אויך שליידערען קללות וחרמות אויף דער היינטיגער פערשאלטענער וועלט.

איכה, וואו נעמט מען א ירמיהו, וועלכער זאל אנשרייבען א מגילת איכה, אויפ׳ן חורבן, וואס דאס היטלער־דייטשלאנד מאכט אן אויף דער וועלט, דער היטלער־סיסטעם, וועלכער רייסט אונטער די יסודות פאר וועלכע עס האבען געקעמפט אין משך פון הונדערטער יאהרען די שענסטע גייסטער פון דער וועלט. דאכט זיך, אז אפילו דער געניאלער ירמיהו וואלט געוועזן צו־שוואך אנצושרייבען וועגען איצטיגען דייטשלאנד די געהעריגע מגילת איכה.

דער חורבן איז נאך גרעסער דערמיט, וואס די וועלט טהוט גאר נישט, כדי דאס שלעכטס צו פאמידען—איכה.

און צי דארף מען נישט אנשרייבען קיין נייע מגילת איכה אויפ׳ן אונזיניגען חורבן, וואס קומט איצט פאר אין ארץ־ישראל? דאס יודישע פאלק, איהרע בעסטע קינדער, זענען אוועק אין לאנד פון זייערע אבות גענומען האמער און שפאדעל און פון וויסטענישען בליהענדע פעלדער און גערטנער געמאכט. נעמט מען איצט און מען וויל עס צוריק דורך פייער און שווערד פערוויסטען—איכה.

נאך גרעסער איז דער חורבן, וואס דאס גרויסע דעמאקראטישע ענגלאנד, וועלכעס האט פייערליך צוגעזאגט ארץ־ישראל לעם ישראל, טהוט גארנישט אדער טהוט ווייניג, כדי אבצושטעלען דעם ווילדען טעראר. צי דארף מען דען נישט אויף ענגלאנד׳ס שענדליכער פאליטיק אנשרייבען, א נייע מגילת איכה?

ווארט נאר און נישט נאר צוליעב די רשעות פון דער וועלט, דארף אנגעשריבען ווערען א נייע מגילת איכה, נאר מען דארף נעמען א ירמיהו, וועלכער זאל אנשרייבען א נייע מגילת־איכה־אויפלאגע פאר אונז, יודען גופא, צוליעב אונזערע אייגענע אינערליכע סכסוכים און ארומרייסענישען.

א וועלט מיט רשעים האבען זיך פערנומען אויף אונזער לעבען, זיי ווילען אונז פערלענדען, איז אנשטאט מיר זאלען זיך צונויפרעדען און מאכען יד־אחת, זיין געשלאסען אין איין דעה און פערפעסטיגען אונזער אבוועהר־קאמף, זענען מיר צושפליטערט אויף פערשידענע מחנות און פארטייען, און אנשטאט צו קעמפען געגען שונא, אויפווייזען פאר דער וועלט, אז מיר ווערען אומזיסט געפייניגט, שלאגען מיר זיך ארום צווישען זיך, מסר׳ען מיר איינער דעם אנדערען, מאכען מיר אליין חרוב אונזער יודיש לעבען. און דערמיט געבען מיר דעם שונא א מעגליכקייט אריינצודרינגען אין אונזער פעסטונג און אונז לייכטער בייצוקומען.

איכה—דארף אויסשרייען דער היינטצייטיגער נביא—וואס וועט זיין מיט דיר פאלק ישראל? ווייניג ווערסטו געפייניגט פון די שלעכטע פעלקער, פייניגסטו זיך נאך אליין? איכה—קלאג ישראל אויפ׳ן חורבן, וואס דו אליין זייהסט אין דיין מחנה. בעדענק דיך ישראל, קעהר אב פון דיין שלעכטען וועג. ווייס, אז ווי גרויס די צרות זאלען נישט זיין, וואס מיר ליידען פון די פעלקער זענען נאך גרעסער די צרות, וואס מיר אליין טהוען זיך אן.

דעריבער, ווען דו וועסט מארגען אויף דער נאכט זיך אוועקזעצען זאגען דעם אלטען היסטארישען איכה, וואס דערמאנט דיך וועגען חורבן בית־המקדש, זאלסטו אויך געדענקען וועגען איכה פון היינט, וועגען דער רשעות און חורבן פון דער היינטיגער וועלט און דער עיקר געדענק וועגען גרויסען שרעקליכען חורבן, וואס מיר אליין פעראורזאכען זיך.

איכה—אויב מיר אלע וועלען דאס געדענקען, קאן זיין, אז דאס וועט העלפען, אז עס זאל ענדליך פערשוואונדען ווערען פון דער וועלט און פון יודישען פאלק דער טרויעריגער איכה...

סמאל

דער לעצטער גרוס פון א"י

פון פסח קאַפּלאַן

די יודישע טעלעגראַפען - אַגענטור האט אונז געבראַכט אַ גרוס פון דער קומענדיגער יודישער מלוכה.

דער דאַזיגער גרוס איז געווען בעזונדערס נויטיג, ווייל טויזענדער יודען געהען איצט ארום ווי לונאַטיקער; ס'דריקט אויף זיי, ווי א קאשמאר, דער טעראָר אין ארץ־ישראל. די בירגערליכע יודישע קרייזען אין פוילען האבען זייערע קינדער אַבגעשיקט קיין ארץ ישראל, ווי דער אוואנגארד פון א נייעם לעבען אין דער נאַציאָנאַלער היים. דאָ האבען זיי פאַר זיך נישט געזעהען קיין עתיד, דא זענען זיי אַרומגערינגעלט מיט שנאה און כעס, און דאָרטען גייט א בעוועגונג פון אויפבוי און נאַציאָנאַלער אויפריכטונג. האבען באַלעבאַטישע יורען עס געהאַלטען פאַר זיך פאַר א כבוד און אַ גליק צו האבען זייערע קינדער צווישען די סאַפּיאָרען פון דער בעוועגונג.

אבער איצט, אז ס'געהט נישט אַריבער קיין טאָג אָהן טרויעריגע בשורות פון יודישע הרוגים און פערוואונדעטע, און אז די ידיעות קומען אָפּט מטושטשע, אהן בעצייכענונג פון נעמען, — זענען יודען צושראקען און צוטומעלט, ווער ווייס, צי מיר האט דער אומגליק אויסגעמיטען?

פשוטע יודען פון דער גרויער מאַסע האבען שטאלצירט מיט'ן העלד־מערטירער שלמה בן יוסף, פונדעסטוועגען וואלט קיין פאַטער און מוטער נישט געוואָלט, אז זיי זאל חלילה, טרעפען עפּיס אַזוינס.

נעמען זיי אלע טאג די צייטונג מיט ציטערדיגע הענד, און איידער נאך זיי בערוהיגען זיך, זעהענדיג, אַז קיין נאהנטער נאמען איז נישט דערמאַנט, בעפאַלט זיי שוין א פרישער פחד וועגען די געשעהענישען פון די לעצטע שעה'ן, וואס די צייטונג האט נאָך נישט בעוויזען צו ברענגען.

ס'איז מקוים געוואָרען די קללה פון דער תוכחה: און דו וועסט זיך שרעקען בייטאג און ביינאכט...

איין־איינציגע האפנונג האבען יודען: אַז ס'וועט בקרוב געשאפען ווערען די יודישע מלוכה, און דאמאלס וועט א סוף נעמען צו די יודישע צרות.

מ'שטעלט זיך נישט פאר פערשטעהט זיך, אז ווי נאָר ס'וועט פערעפענטליכט ווערען דער דעקרעט וועגען דער גרינדונג פון דער יודישער מלוכה, וועלען די אראבער עס מקבל באהבה זיין, די טעראָר־אָרגאַניזאַציע וועט פונאנדערגעלאָזט ווערען און ס'וועט זיין „שלום על ישראל". אדרבא, מ'מיינט, אז דאמאלס וועט זיך ערשט אָנהויבען אַ רעגולערע מלחמה ביי די גרעניצען און איטליכער יונגערמאַן קאָן זיין א קאַנדידאַט פאַר דער אַרמעע.

אבער א מלחמה איז דאך נישט סתם טעראָר, אַ מלחמה האט דאך אַ טבע, אַז זי ענדיגט זיך מיט אַ שלום. און אט דערויף ווארטען די פעראומערטע עלטערען אין די אַלטע היימען, אויסוויינענדיג זייערע אויגען אויף די קינדער, וואס זיי האבען געשיקט צו די קאַמף־פּאָזיציעס פון דער נאַציאָנאַלער היים.

איצט איז געקומען דער גרוס, אַז „ארוכה היא", די געשיכטע מיט דער יודישער מלוכה איז א פערשלעפּטע האפענונג. די טייל קאָמיסיע האט שוין טאקע איהר אַרבייט פערענדיגט אָבער איצט דאַרף די בריטישע רעגירונג אַדורכשטודירען דעם בעריכט, נאכדעם לאָזען דעבאַטירען דעם ענין אין פאַרלאַמענט, וואס אהן זיין הסכמה קען דער גאנצער פלאַן נושם אדורכגעפיהרט ווערען. אין פאַרלאַמענט, ווייסען מיר, זענען זעהר שטאַרק די פּראָ־אראבישע שטימונגען און מ'קען נאך נישט וויסען, וואס די מעהרהייט וועט זאגען, אבער אויב דער פאַרלאַמענט וועט שוין דעם פלאַן בעשטעטיגען, וועט ער ערשט דאַרפען קומען פאַר דער פעלקער־ליגע אין זשענעווע, וואו ס'וועלען ווידער געלייגט ווערען שווערע שטיינער צווישען די רעדער.

ווייטער זאגט דער גרוס, אַז אפילו אויב דער פּראָיעקט וועט שוין האבען אַדורכגעגאנגען די אלע דערמאָנטע אינסטאַנצען, וועט נאך די מלוכה נישט קאָנסטיטואירט ווערען, ווייל ס'וועלען מוזען ווערען אַדורכגעפיהרט לאַנגע און קאָמפּליצירטע אונטערהאַנדלונגען בנוגע די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען דער יודישער און אראַבישער מלוכות, צווישען די דאזיגע מלוכות און ענגלאַנד, ווי אויך מיט די שכנישע לענדער.

מ'קען נישט זאָגען, אַז אין דער דאַזיגער פערשלעפּונג ליגט אַ שלעכטער ווילען מצד ענגלאַנד. מיר האבען דאך נישט קיין נאָרמאַלע מוסטערען, ווי ס'ווערען פאַבריצירט מלוכות. אין די גאַ־צייטיגע יאהרען פלעגט כנתם צוי־בּירגען [illegible]ות, איידער ס'פלעגט זיך אויספאָרמירען אַ מלוכה מיט אַלע איהרע אַטריבוטען, אָבער דאָ אין אונזער צייט, נאך דער לעצטער מלחמה, זענען מלוכות געשאפען געוואָרען איבער נאַכט. ס'זענען פערשוואונדען געוואָרען די פריהערדיגע אָקופּאַנטען, ס'ענען אַנגעקומען די נייע בעלי־בתים און — שוין אַ מלוכה איז פאַרטיג. אפילו דיזעלביגע פאַלעסטינע איז אויך גאַנץ גרינג געוואָרען פון אַ טערקיש לאַנד אַן'ענגליש מאַנדאַט לאַנד.

אויב די פאַרגעזאַגטע פּראָצעדור איז נישט אומנאַטירליך, אבנאָרמאַל — אַ שווערע געבורט איז עס אַלענפאַלס, פערבונדען מיט אומגעהויערע יסורים פאַר דער געבוירערין מיט'ן קינד צוזאַמען.

און פאַר די משותות פון די ווייטע היימען איז עס דאָפּעלט שווער איבערצוטראָגען, מחמת די איצטיגע געשטייגערטע שפּאַנונג מכּוח די פערהעלטנישען דאָרט אַפּראָבירט כמעט איינגאַנצען זייער אינטערעס צום איצטיגען דאַאיגען לעבען פונקט ווי די פריהערדיגע האָפענונגען אויף דער נאַציאָנאַלער היים האָבען געוואָרפען אַן'אימה אויפ'ן היגען לעבען, אַזוי האט דער איצטיגער מוראַ'דיגער קאָשמאַר, די שרעקליכע צאַפּלעניש צווישען האָפנונג און שרעק, דער שטענדיגער אומרוהע פאַר'ן לעבען פון די קינדער פערדרוקט אין הינטערגרונט אלע אייגענע און היימישע ענינים.

און דער לעצטער טרויעריגער גרוס האט געבראַכט די אמת'ע האַרצווייטאג פון „תוחלת ממושכה"...

פערשענערונג...

(בעאָבאַכטונגען)

...און אַ פעראָרדנונג האט זיך ווי אַ טייך, וואס געהט אַרויס פון די ברעגען צוגאָסען פון דער מעטראָפּאָליע איבער שטעדט און שטעדטלעך ביז צום סאַמע פערוואָרפענעם דאָרף אין אַלע פיער זייטען לאַנד:

אורבאַניסטיק, פערשענערונג.

און וואו מען געהט און וואו מען שטעהט בעקומט מען דעם איינדרוק ווי מען וואָלט געלעבט אין דעם דור הפלגה, ווען אַלע מענשליכע חושים זענען געווען פערזיגקען אין ליים, ציגעל און וואַפנע; ווען די רושטאָוואַניעס האבען זיך געוויגט אונטער דער לאַסט פון די מויערער און דער ענטוזיאַזם פאַר אויפבוי האט אַרומגעכאַפּט אַלץ און אַלעמען.

אַ געוויסער ניואַנס לאָזט זיך פונדעסטוועגען נאָטירען. דאָרט איז אַלץ צוגעגאַנגען פרייוויליג. מען האט געלעבט אין וואוילטאג און פולער פרייהייט האט מען זיך פערגינען צוצוטרעטען צו אַן'אויפבוי־אַקציע אין גרויסען מאסשטאב און אַלגעמיינעם פערנעם. דאָ, צי מען וויל יאָ צי מען וויל נישט, צי מען איז בעמיטעלט אדער נישט, צי מען לעבט זיך פריי אָדער אין שרעק, מוז מען זיך אונטערוואָרפען דער פעראָרדנונג און מיטמאכען די אַקציע פון רעמאָנט און פערשענערונג.

די שטאָדט און דער דאָרף מוזען אויסזעהען עסטעטיש. כאַלופּעס און סטאַדאָלעס, הייזער און פּלויטען, דאַרפען זיין געשאָלעוועט און העל געמאָלעוועט.

געשעהט טאקע, דאס האַלב איינגעפאַלענע כאַלופּעס גלייכען אויס דעם רוקען און זייערע בעוואוינער ווערען נאך מעהר איינגעהויקערט אונטער'ן דרוק פון פערשולדיגונגען און אַלערליי פּלענער און קאָמבינאַציעס.

געשעהט טאקע, דאס די פאַסאַדען פון גראָהע קאָרבירטע הייזער ווערען שפּיגעל־גלאַט און העל געפאַרבט און די פּנים'ער פון די מענשען אינעווייניג שוואַרצען זיך און קנייטשען זיך נאך טיפער צוליעב דעם שרעקליכען דלות.

און ווען דער קאָנטראַסט צווישען דעם וואס איז אינעווייניג און דעם וואס מוז זיין אויסענווייניג איז צו שאַרף, ווערט אויך נישט אויסגעשלאָסען קיין מענשליכער קרבן אויפ'ן מזבח פון פערשענערונגס אַגאָט, כדי אַבצושאַצען זיין צודרינגליכען פערלאַנג.

דו הויבסט אָן צו רעזאָנירען איבער דעם טעמפּאָ און כאַראַקטער פון דער פערשענערונגס־אַקציע. צי וואָלט נישט געווען גלייכער און צוועקמעסיגער, צו פערטרייבען די העסליכע גראָהקייט פון אינעווייניג; צו הויבען דעם לעבענס ניוואָ פון דער פעראָרימטער בעפעלקערונג; צו פערשענערען די בעציהונגען פון מענש צו מענש; העלער מאכען די פערספּעקטיוון פון דעם בירגער אהן אונטערשייד פון ראַסע און גלויבען, און פערפלאַנצען אין זיין האַרץ צוטרוי צו דעם מאָרגען, צו דער צוקונפט?

ביי אָט אַזעלכע פערהעלטנישען וואָלט די אויסערליכע פערשענערונג געקומען אויטאָמאַטיש. מענשען וואָלטען פאַר איהר געהאַט אַן'אָפּען האַרץ. מען וואָלט זיך צו איהר גענומען זינגענדיג און האָפנונגס פול. אין ערגסטען פאַל, וואָלט א וואונק אין דער ריכטונג גענוג געווען.

עפּיס מראַנט זיך פון דער פערשענערונגס אַקציע דער ריח פון דער מאָדערנער איירעפּעאישער ציוויליזאַציע, וועלכע בעמיהט זיך בלויז, דעם טויטען אָביעקט ווי דעם לעבעדיגען, דעם מענש, צו פערפיינערען נאָר זיינע מאַניערען, ווען אינערליך מעג ער זיין ברודיג און צובוילט, אינעווייניג מעג דרימלען די בעסטיע; יענע ציוויליזאַציע, וואס איז אַזוי געשיקט צו מאַסקירען און פערשלייערען.

ווייטאגליך איז, ווען די אורבאַניזאַציע איז אַזוי ריקזיכטלאָז, דאס זי פערשטעלט זיך די אויגען, כדי גישט צו זעהען די פאַסקודנע טראַגישע ווירקליכקייט, וועלכע ווערט דורך איהר פעראורזאַכט; ווען זי בעגניגענט זיך נישט מיט'ן רעמאָנטירען די רואינע און פערמאָלעווען די גראָע ווענד, נאָר זי וויל זיי אויסרייסען דוקא מיט'ן גרונט.

אַזוי אָרום ווערען הונדערטער הייזער צושטערט, און זייערע אָרימע בעוואוינער, וועמענס איינציגער טרייסט אין זייער פער'חושכ'טען לעבען איז דער דאָך איבער'ן קאָפּ, דערזעהען זיך מיט אַמאָל מיט זייערע בעבעכעס אויף דער גאַס, אונטער'ן פרייען הימעל.

אַ וואָרט שפּיל מעהר נישט: אורבאַן־חורבן.

פאַר קיין פאַל גלויבט זיך נישט, דאס די ווירקליכקייט,—וועלכע ווייזט, ווי צאָהלרייכע געזינדען טוליען זיך צו זייער ביסעל אָרימקייט פאַר די אויגען פון דער זון און פערשמאַכטע קינדער פלאַנטערן זיך פערברודיגטע, ווי די רעגענווערים אויפ'ן ברוק,— זאָל זיין שטאָטיש אימפּאָזאַנט.

דו שטויסט זיך דאָ אָן אויף עלעמענטען פון יענע אַלטערטום־קולטורען און גוזלשאַפטליכע בענעמונגען פון די פרעה'ס, הורדוס, גריכישע דעמאַגאָגען און רוימישע אימפּעראַטאָרען, וועלכע האבען עקשנות'דיג געפּאָרעמט גרויסאַרטיגע שטעדט, געבויט גיגאַנטישע געביידעס און געזאָרגט פאַר זייער אָרנאַמענטור, וועלכע דאָרף פערכאַפּען דאס אויג—נישט נעמענדיג אין אַכט די שרעקליכע עקספּלואַטאַציע פון די טויזענדער אַרבייטס־הענד און נישט פערמעגליכע שטייער־צאָהלער.

ס'איז אין געגענזאַץ צו דער יודישער אויפפאַסונג, ביי וועלכער עסטעטיק איז נישט מעגליך אָהן עטיק; ביי וועלכער אָרימקייט ווערט נישט געהאַסט און דעריבער מיט צוואַנג ליקווידירט און בעזייטיגט, נאָר רופט אַרויס בּאַרמהאַרציגקייט און דעריבער זאַרגזעלטיג געלינדערט; ביי וועלכע ס'איז זינלאָז דאס גענוס פאַר'ן אויג, ווען ער ווערט בעגלייט דורכ'ן מענשליכען יאָמער; ביי וועלכער שענקייט פון דרויסען ווערט שטענדיג פאַראויסגעגאַנגען און אינספּירירט דורך שענקייט פון אינעווייניג.

צום בעדויערען איז פאַר יודישער מענטאַליטעט אין איירעפּאַ קיין אָרט נישטאָ.

דוד שאַפּירא

אין גן־עדן התחתון

(אַ ביסעל איינדרוקען פון אָברוה־חודש)

1.

א שטיקעל הקדמה.

כ'האָב ביי זיך געהאַט בעשלאָסען אין משך פון מיין אורלויב צייט אינגאַנצען נישט צו שרייבען מפני כמה טעמים. ראשית, האָב איך מיך געוואָלט באמת אָברוהען, אויסנוצען די גאַנצע צייט נאָר פאַר זיך, והשנית, צוליעב רחמנות אויף די לעזער. צו וואָס דאַרפען זיי מיינע איינדרוקען, אַז זיי קאָנען אַליין דערפון נישט געניסען און די ווידער, וועלכע פאָהרען יאָ אין די אָברוהה מקומות, פיהלען דאָך דאס און געניסען דערפון. קומענדיג אָבער אויפ'ן אָרט און ווערענדיג ארומגענומען פון דער העליכער נאַטור, וואס ווירקט אויף דער נשמה אַזוי שטאַרק, קאָן איך זיך נישט בעהערשען גישט אויסצושרייען. עס ווילט זיך, גישט עס ווילט זיך, נאָר אַן'אינערליכע קראַפט שטויסט מיך צו נעמען די פעדער אין האַנד אַריין און דערצעהלען וועגען דער שעהנער רייצענדער וועלט, וועגען דער הערליכער נאַטור, וואס איז מיט דער גאַנצער שפע בעשאַפען געוואָרען פאַר מענשען, וועלכע דאַרפען נאָר וויסען ווי אַזוי זי אויסצונוצען.

וואויל איז צו די, וועלכע האבען די מעגליכקייט כאָטש אַ קורצע צייט אין יאהר אויסצונוצען די רייכקייט פון דער נאַטור און זיך צו קוויקען מיט איהרע אוצרות.

קראָשטשענקאָ.

כ'בין זיך מודה, או כל ימי האָב איך נישט געוואוסט, אַז צווישען די הערליכע נאַטור־ווינקעלעך, וואס פוילען פערמאָגט, געפינט זיך אויך א מקום, וואָס מען רופט קראָשטשענקאָ — נאָר שמועסענדיג מיט מיינ'ס אַ בעקאַנטען, וועלכער איז געווען אַן'אָפּטער גאַסט אין שטשאַווניצאַ, האט ער מיר געראַטען, אַז אויב איך וויל זעהן עפּיס שעהנס, זאָל איך פאָהרען קיין קראָשטשענקאָ הסמוכה לשטשאַווניץ.

האָב איך זיך אָנגעהויבען פּעראינטערעסירען מיט'ן דאָזיגען קראָשטשענקא און זיך דערוואוסט. אַז א סך טשענסטאָכאָווער פאָהרען דאָרט אהין און זענען פון דער דאָרטיגער נאַטור ענטציקט, האָב איך בעשלאָסען צו פּראָבירען קראָשטשענקא און זעהען מה טובו של עיבר זה.

עס איז אבער נישט אַזוי לייכט צוצוקומען צו קראָשטשענקאַ, מען ריכט זיך פריהער אויס א גוט יאָהר. בעסער געזאָגט, איידער מען געניסט פון קראָשטשענקער גן־עדן התחתון, מוז מען פריהער אַדורכגעהן שבעה מדורי גיהנם און אָט פאַרוואָס.

קיין קראָשטשענקאַ, אַזוי גוט ווי קיין שטשאַווניץ, געהט נישט צו קיין באַהן דירעקט, נאָר די לעצטע סטאַציע איז נאָווי טאַרג, וואו די באַהן שטעלט זיך אָב נאָך לאַנגע 6 שעה שלעפּען זיך. אַזאַ באַהן אָבער וואס געהט דירעקט קיין נאָווי טאַרג קורסירט נאָר איין מאָל אין מעת־לעת און דאס איז נאָך 2 א זייגער ביינאַכט, און היות ווי יעדער, וועלכער פאָהרט קיין שטשאַווניץ אָדער קיין קראָשטשענקאַ פיהרט מיט זיך מיט געפּעק, פאָהרט ער טאַקי מיט דעם דירעקטען צוג, כדי ער זאָל נישט האבען קיין קלאָפּאָט מיט'ן איבערזעצען זיך. קומט אויס, אַז די נאַכט איז אַ פערפאַלענע אַ שלאָפלאָזע. אַריינקומענדיג ענדליך אַ זייגער 8 אינדערפריה קיין נאָווי־טאַרג הויבט זיך ערשט אָן א מעשה מיט'ן אויטאָבוס, וועלכער פאָהרט אַריין קיין שטשאַווניץ און קראָשטשענקאַ.

מיט דעם צוג וואס איך בין געפאָהרען האבען כמעט דריי פערטיל פּאַסאַזשירען געהאַט בילעטען קיין נאָווי־טאַרג און דער קאָנדוקטאָר האט מיט אַ שמייכעל געפרעגט, צי עס קומט נישט פאַר עפּיס א יודישער צוזאַמענפאָהר אין נאָווי־טאַרג...

צו פאָהרען מיט די אויטאָבוסען איז אַן'אמת אָבקומעניש. ס'רוב פּאַסאַזשירען ברעכען אויס די גרינע גאַל און מוזען דורכ'ן גאַנצען וועג שלינגען ציטרינען און אויך דאס העלפט נישט און דאס דערפאַר, ווייל די אויטאָבוסען גיבען פון זיך אַרויס אַ פאַסקודנעם ריח, און דאַן איז דער שאָסע א שלעכטער.

שלעפּענדיג זיך אַזוי א גאַנצע נאַכט אויף דער באַהן און שפּעטער אויף די ריח־ניחוח'דיגע אויטאָבוסען, האָב איך זיך געטראַכט: צי לוינט דאס, צי לוינט אַזוי פערשוואַרצט צו ווערען און צו פיהלען אַ טעם גיהנם, כדי צו דערגרייכען דאס דאזיגע קראָשטשענקאַ? נאָר ווען איך האב זיך בעקענט מיט'ן מקום, האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז יאָ, עס לוינט זיך יאָ צו ליידען אַ קנאַפּען מעת־לעת יסורים, כדי זיך שפּעטער צו בעהעפטען מיט'ן שענסטען ווינקעלע, וואָס פוילען פערמאָגט, קראָשטשענקאָ.

אין קראָשטשענקאָ איז היי־יאָהר אַ גרויס געדרענגעניש פון געסט פון ארבע פנות העולם און אפילו פון ביאַליסטאָק, ווילנע, אָבגערעדט שוין פון די גאַליציאַנער, וועלכע זענען דאָ עד לרוב.

קראָשטשענקא גופא איז אבער נאָך נישט אַלץ. דער עיקר שענקייט איז אַרום קראָשטשענקא, ווי די אויספלוגען אין די פּיענינען, וואס איז איינע פון די גרעסטע נאַטור־וואונדער, דאַן דער באַרג פון דריי קרוינען, דער היסטאָרישער ראָוויטער־קלויסטער, דאס קור־אָרט טשאָרשטין, ניעדזיצע, גריוואַלד, לובאַן, דזוואָנקובקע א. אז. וו., כאָטש קראָשטשענקאַ אַליין געפינט זיך אויף אַ זעהר שענער לאַגע, וואס פערכאַפּט דאס אויג מיט איהרע מאַלערישע בערג און טאָלען און דער עיקר מיט דעם הערליכען דונאַיעץ. וועגען דעם אַלעם אָבער שפּעטער. דערווייל ווילען מיר בלויז דערצעהלען איין פרט וועגען די היינטיגע אַקטועלסטע פראַגען וועגען די יודיש פוילישע בעציהונגען.

יודען נישט פערדינגען

די היינטיגע מאָדערנע קרענק, האט אויך אַנגעשפּאַרט אַזש אין פּיענינען ווינקעל, איידער עס האט זיך אָנגעהויבען דער סעזאָן זענען דאָ אַראָבגעקומען עטליכע נאָראָ־גדולים און אַרומגעגאַנגען צו די גוראַלעס מיט א פּאַפּיר און זיי געהייסען אונטערשרייבען, אַז זיי וועלען נישט פערדינגען צו יודען קיין דירות, דאס איז זיי אָבער נאָר געלונגען אין טשאָרשטין, וואו יודען קומען איבערהויפּט נישט. דאַגעגען אין קראָשטשענקאָ און שטשאַווניץ האט זיך זיי דאס נישט איינגעגעבען. די גוראַלעס פון די מקומות האבען געענטפערט: „דאס איז אונזער ברויט". א גאַנץ יאהר ליידען מיר הונגער, און נאָר אַדאַנק די יודישע געסט קאָנען מיר אַדורכלעבען א בעשיידען לעבען.

אין טשאָרשטין האָב איך טאַקי געזעהן, איבער אַ ווילע הענגען א גרויסען אויפשריפט „מיר פערדינגען נישט קיין דירות פאַר יודען".

מען שמועסט אפילו, אַז אויך אין קראָשטשענקאַ האבען זיך לכתחילה געטראָפען אַזעלכע פאַלען, וואו מען האט געענטפערט מיט דער גוראַלסקע העפליכקייט, אַז קיין סטאַראַ־זאַקאָננע וועט מען נישט פערדינגען נאָר שפּעטער, האט מען געזוכט לעטניקעס מיט די ליכט און בזמן הזה, וואוינען עטליכע טויזענד יודישע געסט אין גוראַלסקע דירות און ווערען בעהאַנ־

יעקב ראָזינער

קאָלאָניעס פאַר קינדער

(סוף).

אויף דער קאָלאָניע־קאָנפערענץ איז בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען קינדער אָרימע אָדער געמישטע, ד"ה צי דאַרפען אויף אונזערע קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס אנגענומען ווערען נור קינדער פון גאָר אָרימע עלטערן אָדער מ'דאַרפט אויף די קאָלאָניעס אננעמען קינדער פון מיטעל־שטאַנד. פערשטעהט זיך, אַז פאר די דאָזיגע קינדער דאַרפען די עלטערן בעצאָהלען דאס, וואס ס'קאָסט דער אויסהאַלט און מעהר־פערמעגליכע דאַרפען בעצאָהלען נאָך מעהר, וואס ס'זאָל דעקען א טייל פון די הוצאות פאַר די אָרימע קינדער.

די דאָזיגע פראגע האט פערנומען פיעל צייט. ערציהער־אנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ האבען איינשטימיג זיך ארויסגעזאגט פאר געמישטע קאָלאָניעס, וואס דאַרפען אַבווישען די גרעניץ צווישען אָרים און רייך, לכל הפחות אויף דעם קאָלאָניע חודש,

עסקנים פון „טאָז" האָבען אָנגעוויזען מיט רעכט, אַז צוליעב דעם מצב פון פעראָרימטען יודישען מיטעל־שטאַנד, וועלכער ווען ער האט נאך אפילו אויף צו געבען עסען זיין קינד, קאָן ער זיך נישט ערלויבען אַרויסצושיקען זיין קינד אין א קור־אָרט אָדער אפילו בעזאָרגען עס אויף דער וואָקאַציע־צייט מיט אַ ביסעל פרייע לופט און א קינדער געזעלשאַפט אונטער אַנ'ערציהערישער השגחה.

גאַנץ ווייניג זענען געווען אנהענגער פון דעם ריין פילאַנטראָפּישען קוק אויף דעם ענין קאָלאָניע, אלס אָרט, וואס דאַרף בעזאָרגען דאס גאָר־אָרימע קינד מיט עסען אויך אין דער פעריען־צייט, אַלס המשך פון דער בעשפייזונגס אַקציע, וואָס ווערט געפיהרט אַ גאַנץ יאָהר אָדער צו בעזאָרגען דאס פערחושכטע קרענקליכע קינד מיט א ביסעל וואַלד לופט.

די אנהענגער פון דער דאָזיגער שיטה האבען זיך לייכט געלאָזט איבערצייגען פון דער נויטווענדיגקייט צו אָרגאַניזירען „טאָז" קאָלאָניעס פאָר אַלע קינדער, וואס מעלדען זיך, אפילו, ווען זיינע עלטערן זענען נאָך נישט אזוי שטאַרק פעראָרימט, אַז דעם קינד פעלט אויס עסען צו דער זעט...

איבריגענס האט זיך ארויסגעוויזען, אַז אין פיעל ערטער אָרגאַניזירט שוין לאַנג דער „טאָז" די אַזוי־גערופענע געמישטע קאלאָניעס מיט א גרויסען געווינס הן פאָר דער ערציהערישער זייט פון דער קאָלאָניע הן דער פינאַנסיעלער, ווייל די קינדער פון מיטעל־שטאַנד בעשווערען נישט דעם קאָלאָניע־בודזשעט, ד"ה זיי ווערען נישט גענומען אויף דעם חשבון פון די אָרימע קינדער, נור אויסער דער רייהע און דאַדורך ווערט ביליגער דער קאָלאָניע אויסהאַלט־טאָג (ביי א גרעסערע צאָהל קינדער זענען די אַדמיניסטראַטיווע און ווירטשאַפטליכע הוצאות ביליגער) און זיי גיבען נאָך צושטייער צום בודזשעט פאַר אָרימע קינדער דורכ'ן איינצאָהלען א סכום, וואס בעטרעפט מעהר ווי די אייגענע אויסהאַלט קאָסטען...

ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו האבען מיר ביז יעצט גענומען — פּרינציפּיעל — קינדער אָרימע, מיט אַ קליינעם צומיש פון קינדער פון בעלי־מלאכות און קליינע סוחרים, וואס האבען בעצאָהלט פאַר די אויסהאַלטונגס־קאָסטען אָדער נאָך מיט אַנ'עודף.

דער דאָזיגער פרוב דאַרפט ביי אונז אונבעדינגט אויסגעברייטערט ווערען אין הסכם מיט דעם איינשטימיגען בעשלוס פון דער קאָלאָניע קאָנפערענץ.

דאס דאַרף נישט געמאַכט ווערען אויפ'ן חשבון פון די גאָר־אָרימע קינדער, ד"ה די צאָהל אָרימע קינדער, וואס ווערט יאָהר־יעהרליך איינגעאָרדענט דורכ'ן „טאָז" אויף דער קאָלאָניע אָדער האַלב־קאָלאָניע, טאָר נישט פערקלענערט ווערען, נור אויסער דער רייהע דאַרף די קאלאָניע פערגרעסערט ווערען מיט די קינדער, וואס זייערע עלטערן ווילען שיקען דאס קינד אויף דער „טאָז"־קאָלאָניע, ווייל איבערהויפּט עס האט אין דערהיים גענוג עסען, ערלויבט זיי נישט דער מאַטעריעלער מצב אַרויסצושיקען זייער קינד אין אַ פערהעלטניסמעסיג טייערען פּענסיאָנאַט.

אַזאַלכע עלטערן האט אונז די „אָוושעם"־פּאָליטיק געליפערט זעהר פיעל און זיי טאָרען נישט אויסגעמיטען ווערען אין דער „טאָז" אַרבייט.

היי יאָהר איז שוין שפּעט דאס צו אָרגאַניזירען אין גרעסערן מאַסשטאַב. דאס דאַרף זיין אונזער שטרעבונג אויף דעם קומענדען קאָלאָניעס סעזאָן און די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבייט דאַרף ווידעראַמאָל אין הסכם מיט די קאָנפערענץ בעשלוסען, אָרגאַניזירט ווערען שוין ביים אָנהויב פון שול יאָהר.

וועגען דער אָרגאַניזאַציע פון דעם קאָלאָניעס סעזאָן אויפ'ן קומענדען יאהר וועל איך נעמען אַ וואָרט אין איינעם פון די נאָהנטסטע נומערן.

מרדכי קויפמאַן

צוווישען קינדער

(שטריכען און איינדרוקען פונ'ם פּרעסע־אויספלוג)

דער איינפאַל פון דער לייטונג פון „טאָז" איינצואָרדנען אַנ'עקסקורסיע פאַר דער פּרעסע מיט נאָך אַנדערע עסקנים צו בעקענען זיך מיט דעם אויפטוהו און לייסטונג פון די האַלב־קאָלאָניעס—איז נישט קיין שלעכטער. אדרבא, זאָל די היגע יודישע געזעלשאַפט אויך וויסען, וואס דאָרט ווערט געטהון און געשאַפען פאַר אונזערע יודישע קינדערלעך, פאַר אונזער צוקונפטיגען דור.

דער גרויסער בעקוועהמער אויטאָ פליהט פייל אויס בויגען אַמאָל באַרג אַרויף אַמאָל באַרג אַראָב און מיר זיצען געמיטליך און דערצעהלען זיך מעשיות. וועגען וואס רעדט מען היינטיגע צייטען, אויב נישט וועגען ראַסיזם, אנטיסעמיטיזם און אנדערע איזמען. דערצעהלט א „טאָז"־בעאַמטער, וועמען ס'קומט אויס יעדען טאָג צו פאָהרען אויף אינספּעקציעס פון איין שטעדטיל אין אַנדערן, אַז פוריגע וואָך, ווען זייער אויטאָ האט זיך געמוזט צוליעב א דעפעקט אין מאָטאָר אָבשטעלען אין א דאָרף הינטער פּשערוב, האבען דעם אויטאָ בעלאַגערט א מחנה קליינע שגצימלעך און זיך נאָכגעפרעגט צי ס'פאָהרען דאָ נישט קיין יודען. נאָכ'ן ענטפער, אַז יאָ, האבען זיי אויסגעשפּיגען מכ'ט'ן: פּשאַקרעוו, אומעטום זענען זיי דאָ די זשידעס. דאס זענען געווען 5—6 יעהריגע כלאַפּצעס. איידער מיר האבען נאָך צייט געהאט צו דיסקוטירען וועגען דער „צוקונפטס־מוזיק", וואס דאס קען פאַר אונז ברענגען אַזאַ ווילדע, אומגעשטערטע פערסמונג פון די קינדער־נשמות—זענען מיר שוין געווען אויפ'ן אָרט.

מיט א יונגען „טאָז"־דאָקטאָר מאַכען מיר א שפּאַציר איבער'ן שטעדטיל, נישט וויכטיג ווי דאס שטעדטיל הייסט, אַלע האבען זיי איין אויסזעהן:

—א מאַרק מיט עטליכע געסלעך און—שוין, דאס איז אַלץ. ס'איז דאָרט אין מיטען א טאָג אזוי שרעקליך רוהיג, שטיל, אַז ס'ווערט אונהיימליך אויף דער נשמה. דאס ערשטע, וואס רייסט זיך ארויס פון מויל איז: רבונו של עולם, פון וואס לעבען דאָ די יודען? מילא פאַר זיי, פאַר די גוים, איז אויסגעזאָרגט. יעדער האט זיך זיינס א גרעסער אָדער קלענער שטיקעל פעלד, א כאַלופּע, קאַרטאָפעל, ברויט, האַלץ אָדער איז א בעאַמטער און ועל כולם: א רוהיג, זיכער, זאָרגלאָז לעבען. און די יודען פונ'ם קליינעם שטעדטיל? בעסער נישט צו רעדען.

אויף די שטיגען פאַר'ן קרעמעל זיצט דער אייגענטימער און דרימעלט געשמאַק. זיין ווייב שמועסט היימיש־געמיטליך מיט'ן קריסטליכען שכן אויף וועמענס געוועלב ס'הענגט א גענוג גרויסע שילד מיט'ן אויפשריפט: „פירמאַ כושעשטשיאַנסקאַ"... מיר געהען ווייטער און בעמערקען אויף יעדען צווייטען־דריטען געשעפט דעם זעלבען אויפשריפט. אויף די דאָרטיגע מאַכט עס אפשר שוין נישט קיין שטאַרקען איינדרוק, אבער אויף א צופעליגען גאַסט ווירקט דאס דאָזיגע בילד דערדריקענד שווער. ס'לעגט זיך עפּיס גאָרנישט אויפ'ן שכל. אין א קליין שטעדטיל, וואו איינער מיט'ן צווייטען איז אזוי אויסגעקאָכט, דער יוד ווייסט, וואס ביים קריסטליכען שכן קאָכט זיך אין טעפּעל און פערקעהרט; וואו איינער מיט'ן צווייטען איז צוזאמען אויסגעוואַקסען פון דור־דורות, צוזאמען געלעבט און געליטען—אַז די דאָזיגע „ראַסען"־שנאה, וואס איז אויפ'ן קליינשטעדטעלדיגען באָדען מיט כוח איינגעפלאַנצען געוואָרען, ממש א קינסטליך געוויקס, וואס וואָלט ביי אַנדערע ווינטען גלייך פערשווינדען. מיר טראַכטען דערביי, ווי ריכטיג עס איז דער אַפאָריזם, אַז די געוואוינהייט איז ביים מענשען זיין צווייטע נאַטור. די יודען דאָרט האבען זיך שוין אזוי צוגעוואוינט צו דעם דאָזיגען געדאַנק, צו זייער טרויעריגען מצב, אַז זיי זענען שוין פשוט נישט פעהיג צו בעגרייפען ווי ס'קען אַנדערש זיין.

אזוי דרעהען זיך אַרום די עלטערע ווי שאָטענס, ווי לעבעדיגע מתים און די יוגענד וועגעטירט, זעהט נישט פאַר זיך קיין שום אויסוועג, קיין פּיצעל האָפענונג אויף עפּיס בעסערס.

מיר געפינען זיך אין דער „קינדער"־רעפּובליק פון דער קושעפּיצער „טאָז"־קאָלאָניע. חברה קליינוואַרג רינגלען אונז אַרום און קוקען אויף אונז מיט צושטראַהלטע בליקען. טאַנצען, שפּרינגען, זינגען און זענען גליקליך, וואס מיר זענען געקומען זיי זעהען און הערען. די לעהרערין און לייטערין פרל. ווינעררייך מאַכט די לעצטע צוגרייטונג און די קינדער־פאָרשטעלונג, לכבוד דעם פערענדיגען פון דער האַלב־קאָלאָניע, הויבט זיך אָן.

די קורטינע פון דער פּראָוויזאָרישער ביהנע אונטער'ן פרייען הימעל רוקט זיך פונאַנדער און ס'ווערט געגעבען אַלס ערשטעס אַ סצעניש בילד א. ז. „לאָמיר זיך פעלקער פעראייניגען", וואס איז גוט אויסגעפיהרט געוואָרען דורך א גרעסערע גרופּע קינדער און אויך די קאָסטיומען צו דעם דאָזיגען מאַסען־בילד זענען געווען ענטשפּרעכענד און מיט געשמאַק צוגעפּאַסט.

די איבריגע סצענעס, ווי: „וואַסער־טרעגער", „באַלאָנען־און ציימונגס פערקויפער", „דער משפט איבער די קאַץ" און אַנד. זענען געווען גענוג געלונגען, נעמענדיג אין אַכט די קורצע צייט (4 וואָכען), וואס מען האט מיט די קינדער איינשטודירט און אויך דאס, וואס די פרל. וויינרייך האט זיך געשטעלט פאַר אַנ'אויפגאַבע נישט צו זוכען צווישען די קינדער קיין טאַלאַנטען. נאָר אזוי ווי דאס איז אַנ'אַלגעמיינער קינדער יום־טוב, זאָלען אין דער דאָזיגער שמחה וואס מעהר קינדער אנטיילנעמען.

דער דאָזיגער געדאַנק איז אפשר א ריכטיגער, אָבער אין דער פּראַקטיק, ברענגט דאס נישט שטענדיג די געוואונשטע רעזולטאַטען.

אין קלאָבוצק, כאָטש דער ישוב איז א קלענערער ווי אין קרזשעפּיץ, איז אָבער די איבערגעבענהייט פון די דאָרטיגע יודען א פיעל גרעסערע. דאס האט מען געזעהען סיי אין דער צוגרייטונג, סיי אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער האַלב־קאָלאָניע.

די פאָרשטעלונג, וואס איז איינרעזשיסירט געוואָרען דורך דער לעהרערין פרל. בערקאָוויטש, איז סיי אַלס גאַנצעס און סיי די איינצעלסצענעס, געווען ביז גאָר געלונגען.

דער קינדער־כאָר הויבט אָן זינגען: „אָט איז דער יום־טוב" און מען דערקענט באַלד, אַז א סך אַרבייט איז פערלעגט געוואָרען, אַז דאס געזאַנג זאָל נישט אַרויסקומען כאָאָטיש, נאָר איינהייטליך. די אַלע ווייטערדיגע בילדער, ווי: „עס וואַקסען זיך בלימעלעך" (דעקלאַמירט זעהר גוט אין פּויליש דורך בראַניאַ ווייכמאַן), דער רבי אלימלך", „קאָליסאַנקאַ", „א בחור א הולטאַי", „יואָס וועט דער סוף זיין" און צום סוף די גימנאַסטישע איבונגען מיט דער געלונגענער פּיראַמידע—האט ביי אַלע אָנוועזענדע אַרויסגערופען ענטציקונג פאַר דער פאָרשטעלונג.

ס'וואָלט געווען א עולה נישט צו דערמאָנען אין דער ערשטער רייהע די סצענישע פעהיגקייטען פון דער 12־יעהריגער בראַניאַ ווייכמאַן, וועלכע האט אַלע איבעראַשט מיט איהר שפּילען. א שאָד, וואס אַזאַ פעהיג, אַלזייטיג בעגאַבט מיידעל זיצט אין אַזאַ פערוואָרפען העק, ווי ס'איז קלאָבוצק. מבינים האבען זיך געשושקעט אויפ'ן אויער, אַז ווען א זיגמונט טורקאָוו וואָלט זי געזעהן שפּילען מיט איהר דיקציע, מימיק, זינגען און טאַנצען—וואָלט ער שוין פון דער מיידעלע געמאַכט א סטאַר.

מיר פערלאָזען די פאָרשטעלונג צופרידען און געריהרט פון דער קינדעררישער צושטראַהלטער בעגייסטערונג. וויסען און פיהלען קען דאס נאָר דער, וועלכער האט געזעהען די טאַטעס און מאַמעס, וואס האבען אין א פּראָסטען מיטוואָך פערלאָזט זייערע היימען און דאגות, זיך אָנגעטהון יום־טוב'דיג און געקומען זיך מיטפרעהען מיט די 250 קינדערלעך, וואס האבען א חודש צייט פערבראַכט אין אַנדער סביבה, אין א קאָלעקטיווער אַטמאָספער פון שפּרודעלדיגער יוגענד־פרייד.

דעם „טאָז" פאַר זיינע בעמיהונגען צו לינדערן כאָטש אויף א קורצער צייט די נויט פון די אָרימע קינדער און אַרויסצוברענגען זיי פון דער טאָגטעגליכער גרויקייט, דושנעקייט און ווייזען זיי אין א בעשיידענער פאָרם דאס שענערע, דאס בעסערע, דאס דערהויבענע פונ'ם לעבען—א האַרציגען דאַנק.

דעלט מיט אויסערגעוועהנליכער העפליכקייט.

דער דונאַיעץ

כ'ווייס נישט פון וואַנען ער שטאַמט אָט דער שטאָלצער טייך דונאַיעץ און כ'ווייס נישט וואו ער ענדיגט זיך, מען זאָגט אפילו, אַז ער גיסט זיך אַריין אין דאַן, אין טיעף רוסלאַנד, נאָר דאָ אין קראָשטשענקאָ געהט ער אַדורך מיט רעש און שטורם מיט א מאַיעסטעטישען אויפגעהויבענעם קאָפּ, און רופט אַרויס צו זיך דרך ארץ.

אויך טראָגט ער מיט שטאָלץ און גבורה, די שיפלעך, וועלכע ווערען אָנגעפיהרט דורך גוראַלעס און די טויזענדער געסט וואס קומען דאָ אַהער חלומ'ען זיך איבערצושיפען אַביסעל איבער'ן דונאַיעץ וואס ווערט פערדרעכענט פאַר'ן גרעסטען פערגעניגען און פאַקטיש איז נישט מעגליך איבערצוגעבען דעם גרויסען תענוג וואס א מענש פיהלט בעת ער ווערט געשלעפּט דורך די רוישענדע כוואַליעס פון דונאַיעץ. עס איז ענדער אזא געפיהל וואס איז נישט מעגליך איבערצוגעבען מיט ווערטער. עס איז א הרחבת הדעת אזא איז—א שפּאַציר איבער'ן דונאַיעץ.

גוראַלעס

דאס איז א רוהיג אַרבייטזאַם פאָלק, וועלכע האט זעהר שלעכטע בעדינגונגען צוליעב די אָרומיגע באַרג געגענד, פון די פעלדער נעמען זיי צונויף זעהר ווייניג תבואות, וואַרטען זיי מיט אומגעדולד אויפ'ן זומער־סעזאָן, ווען די לעטניקעס קומען אָן און די גוראַלעס האבען וואס צו טהוען. די גאַספּאָדאַרזשעס פערדינגען דירות. אַנדערע ווערען פּיאַקערס און פיהרען אַרום די געסט מיט די בריטשקעס. דאַן קאַיאַק פיהרער. טרעגער, מעקלער פון דירות אזוו.

דערביי זענען זיי זעהר העפליך, רעדען צו דיר איינפאַך נאָר דו פיהלסט, אַז זיי זענען עהרליך אין זייערע רייד.

די גוראַלעס געהן אָנגעטהון אין זייער ספּעציעלען טראַכט. הויזען מיט אויסגענייהטע טראַלדען. וועסטען מיט פערשידענאַרטיגע קרעלען אין די רינגדיגע קאַפּעלושען מיט פעדערען אָדער קאָלירטע שנורען, דער דאָזיגער טראַכט איז ביי זיי פערהייליגט אזוי ווי א רעליגיע, און יעגער גוראַל, וועלכער נייגט אָב פון דאָזיגען מנהג ווערט פערעכענט פאַר אַנ'אַפּיקורס.

די גוראַלעס זענען ווי איך האָב אויבען בעמערקט א רוהיג אַרבייטזאַם פאָלק, זיי טרינקען נישט צופיעל אַלקאָהאָל, אויך זעהט מען נישט קיין אַוואַנטורעס אין די גאַסען. זיי לעבען זיך רוהיג און זענען צופרידען אויב זיי האבען מיט וואס דאס לעבען צו דערהאַלטען.

קאָלאָניעס

אין קראָשטשענקאָ זענען פערהאַנען א סך יודישע קאָלאָניעס, וועלכע ווייל'ען דאָ א גאַנצען זומער אזוי האָב איך ביז איצט געזעהן א קאָלאָניע פון קרינסקי שולע אין וואַרשא. דאַן איז דאָ בעריהמט די קאָלאָניע פון דער קולטור־ליגע מיט אַנ'ערך הונדערט געסט און נאָך אַנדערע.

ס'פערשטעהט זיך, אַז די קאָלאָניעס זענען עוסק אויסער אין אכילה ושתייה אויך אין אויספלוגען עד לרוב.

צווישען די געסט אויף דער קאָלאָניע פון דער קולטור־ליגע האָב איך בעגעגענט דעם דירעקטאָר פון דער ווילנער טרופּע ה' מאַזה נאָר דאָ איז ער נישט מעהר ווי א געוועהנליכער סטאַטיסט...

גאַליציאַנער יודען

דאַכט זיך, אַז וועגען די גאַליציאַנער יודען און זייערע מנהגים, איז מיר שוין אויסגעקומען פיעל מאָל צו שרייבען. וויל איך זיך טאַקי דאָ נישט ווידערהאָלען. איך וויל דעריבער נאָר געבען א קורצען איבערבליק וועגען דער יודישער עדה אין ק"ק קראָשטשענקאָ.

דאַכט זיך, אַז קראָשטשענקאָ געפינט זיך אונטער הרי חושך נעבען זאַקאָפּאַנע. ביים אָנהויב פון די טאַטרען נעבען דער טשעכישער גרענעץ. און פונדעסטוועגען געפינען זיך דאָ אַנ'ערך פון א 60 פאַמיליעס יודען, וועלכע פערנעמען זיך מיט האַנדעל און מלאכה. און קראָשטענקא צוזאמען מיט שטשאַווניצע בילדען די יודישע קהלה. מיט'ן זיץ אָרט אין קראָשטשענקא כאָטש אין שטשאַווניצע זענען פערהאַנען מעהר יודישע פאַמיליעס ווי אין קראָשטשענקא, אויך האבען ביידע שטעדטלעך גייסטיגע פיהרער.

די יודען אין קראָשטשענקא פיהלען זיך אין געגענזאַץ צו אונזערע מקומות זעהר פריי, זיי געהן אָנגעטהון אין זייער טראַכט, כמעט יעדער קראָשטשענקער יודישער איינוואוינער פערגינט זיך צו טראָגען לאַנגע פּאות נישט־אזוי ווי, אונזערע חסידי'שע יונגעלייט, וועלכע טראָגען פּאות בעהאַלטען אונטער די אויערען, אין קראָשטשענקאָ העגנען זיי אַראָב פריי און פראַנק און שאָקלען זיך און לופטערען זיך מיט אַלע איברים צוזאמען, אויך פערגינען זיך די קראָשטשענקער יודען צו טראָגען גרויסע לאַנגע בערד. קוקענדיג אויף די בערד פון די היגע יודען בעקומט מען דעם איינדרוק, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך ספּעציעל בעשטעלט אַמאָדעל פון לאַנגע גרויסע קראָשטשענקער בערד, ווער שמועסט שבת געהן כמעט אַלע קראָשטשענקער יודען אין שטריימלעך איבער די גאַסען און קיינער שטערט זיי נישט. די גוראַלעס אין זייער טראַכט און די יודען אין זייער טראַכט. עס זעהט אויס ווי די היגע יודען האבען געשלאָסען אַנ'אָבמאַך. מיר אין אונזער פאָלקס טראַכט און איהר יודען אין אייער ספּעציפישען טראַכט.

די יודען קומען צו געהן אין זעלבען טראַכט צום סטעפּאַן־קוואַל. זעצען זיך אויס אויף דער לאַנקע הערען אַביסעל מוזיק, די איינציגע וועלכע קוקען אָן די יודען מיט מאָדנע בליקען זענען די יודישע קור־געסט, דאַגעגען די אָרטיגע בעפעלקערונג די גוראַלעס, זענען דערצו צוגעוואוינט און נעמען דאס אויף אלס א זעלבסט־פערשטענדליכקייט.

די יודען אין קראָשטשענקא פיהלען זיך נאָך ווי ביי זיך אינדערהיים...

וועגען מיינע בעזוכען אין די פּיעניגען, שטשאַווניץ און אַנדערע מקומות אין צווייטען נומער.

לויתן

גלייכווערטלעך אויף תשעה-באב

פון יחיאל טשענסטאָכאָווער

היו צריה לראש.

נאָך די גזירות און רדיפות אויף יו-דען, ווען עס זענען אין פערשידענע מדינות געוואָרען מושלים גרויסע שונאי ישראל, האט איינער פון די משכילים געפרעגט א בעקאַנטען גאון: פאַרוואָס שטראָפט אונז אַזוי דער רבש"ע און דערלאָזט צו געוועלטיגען איבער אונז אַזעלכע רשעים?

דערויף האט דער גאון געענטפערט: געוועהנליך, אַז עס ווערט עמיץ קראַנק, רופט מען אַ דאָקטאָר, וועלכער גיט אַ רעצעפּט. דאס רוב רפואות זענען נישט קיין זיסע און שמאַקהאַפטע, נאָר בי-טערע, נישט אַנגענעהמע פאַר'ן חולה און אָט די דאָזיגע רפואות היילען איהם אויס פון דער קרענק. דאס זעל-בע איז מיט די יודען. דאס יודישע פאָלק איז קראַנק, אַ חולה מסוכן, דע-ריבער נויטיגט זיך עס אין ביטערע רעצעפּטען, וועלכע זאָלען עס צוריק-שטעלען אויף די פיס. און אָט טאַקי די מושלים, די גרויסע שונאי-ישראל, וועלכע רודפ'ן און פייניגען דאס יודי-שע פאָלק, אָט זיי וועלען געזונד מאַ-כען דעם יודישען גייסט און קערפּער און צוריקברענגען אונז נאָך ארץ-ישראל; נישט דורך די בני-ציון, בנות-ציון, פועלי-ציון אָדער פרחי-ציון וועט אונזער הילף קומען, נאָר טאַקי ווי דער פסוק זאָגט מי יתן „מציון" ישיעת ישראל, אונזער הילף וועט זיין דירעקט פון ציון.

כל האוכל ושותה בט' באב עליו הכתוב אומר ותהי עונותם על עצמותם —

ווער עס עסט אין תשעה באב, זאָגט אויף איהם דער פסוק: זייערע זינד וועלען זיין אויף זייערע ביינער (תענית).

מען דערצעהלט פון ר' ישראל סא-לאַנטער, אַז ווען מען איז איהם גע-קומען זאָגען דאס אין זיין שטאָדט גע-פינט זיך אַ קצב, וועלכער עסט אין תשעה באב, האט דער רב נאָך איהם געשיקט און געזאָגט: מיר זעהען, אַז די קצבים געבען די נגידים אַוועק די גוטע און פעטע חלקים פלייש, דאַגע-גען די אָרימע לייט בעקומען דיביי-נער, כאָטש די אָרימע לייט צאָהלען פאַר'ן פלייש דעם זעלבען פרייז וואס די נגידים. די קצבים קענען זיך אפילו פערענטפערען, אַז זיי טהוען עס כדין, דען די חכמים האבען געזאָגט: משחרב בית המקדש ניטל טעם בשר וניתן בעצמית, זייט דאס בית המקדש איז חרוב געוואָרען איז צוגענומען געוואָרען דער טעם פון פלייש און אריינגעגעבען געוואָרען אין די ביינער, טהוען דאָך די קצבים א גרויסע טובה די אָרימע-לייט, ווען זיי געבען זיי די ביינער, וואו עס געפינט זיך דער ריכטיגער טעם און גיבען דאס פעטע פלייש, וואָס האט נישט קיין שום טעם—די נגידים. דאס זאָגט דער רב איז טאַקי ריכטיג ביי די קצבים. וועלכע גלויבען אַז דער חורבן בית-המקדש איז גאָט'ס שטראָף, פאַסטען תשעה באב, גלוי-בען זיי אויך אין דעם. וואס די חכמים האבען געזאָגט און זענען מהנה די אָרימע לייט מיט די בעטעמ'טע ביינער. דו אָבער, וועלכער עסט אין תשעה באב, גלויבסט נישט אין חורבן, אויף דיר זאָגט דער פסוק, „ותהי עונותם על עצמותם", האסטו טאַקי אַנ'עבירה פאַר געבען די אָרימעלייט ביינער אַנשטאַט פלייש.

דער קייזער און דער רב

דער דייטשער קייזער פרידריך וויל-העלם דער ערשטער איז אַמאָל פערביי-געגאַנגען תשעה באב די אָרטאָדאָק-סישע שוהל „עדת ישראל" אין בערלין און געזעהען ווי די שוהל איז פול מיט יודען, וועלכע זיצען אויף דער ערד אין די שטרומפּ און קלאָגען אויפ'ן חורבן. דער קייזער האט זיי געפרעגט: ווי שעמט איהר זיך נישט אַזוי פיעל הונדערטער יאהרען צו קלאָגען אויף א לאַנד וואס איז אייך צוגענומען געוואָרען? צי זענט איהר נאָך אַזוי נאַאיוו צו גלויבען, אַז איהר וועט ארץ ישראל צוריקבעקומען? דערויף האט דער רב ר' עזריאל הילדעסהיי-מער ז"ל געענטפערט: מיר זעהען, אַז ווען א מענש, א פאָטער פון א פאַמיליע שטאַרבט אָדער ביי עלטערן געהט אַוועק פון דער וועלט, זייער איין-און איינציג קינד, איז טראָץ דעם וואס דער צער פון דער פאַמיליע איז זעהר גרויס, דאָך אָבער ווערט עס מיט דער צייט פערגעסען, ביי מאַנכע פריהער און ביי א טייל שפּעטער. אַנ-דערש איז אָבער, ווען א מענש אָדער קינד געהען פערלוירען, דאַמאָלס וועט די פאַמיליע נישט רוהען, זוכען ווי ווייט מעגליך, נישט קוקען אויף די גרויסע הוצאות, וואס זענען דערמיט פערבינדען און דאס אומגליק וועט קיינמאָל נישט אַרויס פון זייערע גע-דאַנקען; ביז צו דער לעצטער מינוט פון זייער לעבען וועלען זיי בעוויינען זייער חורבן און זיך די מיה געבען צוריק צו געפינען זייער אבידה. דאס, האט דער רב געזאָגט איז אויך מיט אונז יודען. אויב א חורבן, וואס איז געשעהען שוין קרוב צוויי טויזענד יאהר, איז ביז'ן היינטיגען טאג דורך אונז נישט פערגעסען געוואָרען, יעדעס יאהר אין דעם טאג פון זיין יאהרצייט קומען מיר זיך צוזאַמען איהם בעוויי-נען, בעווייזט עס, אַז דאס יודישע לאַנד א"ז פאַר אונז נישט געשטאָרבען, נאָר פערלוירען געגאַנגען און דערי-בער, ביז דער לעצטער מינוט, ווען עס וועט נאָך זיין איין יוד, וועט עס פון אונזער זכרון נישט אַרויסגעהען, ביז מיר וועלען דאס לאַנד צוריקגע-פינען.

עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים (זכרי')

ביים היינטיגען טאג זעהען מיר, אַז די בויער און רעגירער אין ארץ-ישראל איז די יוגענד, דורך זיי ווערט אַלעס געשאַפען און פערוואַלטעט, דאַגעגען די עלטערע נעמען דערין א קליינעם אַנטייל, דערויף טרייסט אונז דער נביא, אַז עס וועט קומען א צייט, וואס די זקנים און זקנות, דאס על-טערע דור, וועט הערשען איבער'ן לאַנד און זיין די טאָן געבער אין ארץ-ישראל.

עזריאל יאקובאָוויטש

די ירידה פון ספּאָרט ביי יודען

דער ספּאָרט, די פיזישע קולטור, איז געוואָרען איינע פון די דאָמיני-רענדסטע פאַקטאָרען אין דעם צווישען-פעלקערישען צוזאַמענלעבען און הויבט אָן שפּיעלען א וויכטיגע ראָלע אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען געביעט, און כמעט אַלע מלוכות רעכענען זיך דערמיט. פיעל רעגירונגען שאַפען ספּעציעלע מיניסטעריומס פאַר פיזישער ערציהונג, כדי צו פּפלעגען דעם ספּאָרט און די גרעסטע אַכט ווערט געלייגט אויסצו-שולען ערשטקלאַסיגע ספּאָרטלער פון אַלע, אַהן אונטערשיד צוויגען, בכדי זיי זאָלען זיך קאָנען טרעפען אין קאַמף און אין פערמעסטונגען מיט ספּאָרטלער פון אַנדערע מלוכות. יעדע מלוכה איז פשוט בלוטיג פעראינטע-רעסירט אין זיעג פון איהרע פויסטלער אָדער לויפער.

דער פּרעסטיזש פון קליינע קוים-אָנועהבאָרע מלוכות ווערט אָפטמאָל א דאַנק זיינע ספּאָרטלער דערהויבען. אַזוי האט נורמי, דער בעריהמטער לויפער, זיינערצייט, פּאָפּולער געמאַכט זיין קליין היימלאַנד, פינלאַנד. נישט וועניגער כבוד האט לואיס, דער שוואַר-צער באָקסער, פערשאַפט זיינע גע-פיי-ניגטע און געיאָגטע ברידער. מיט זיין העלדישען צושמעטערען דעם דייטש שמעלינג, דעם פאַרשמעהער פון דער „בעסערער" גערמאַנישער ראַסע, האט ער אַנ'איבעריג מאָל בעוויזען, אַז צווי-שען געפּלאָגטע און געראָדפטע ראַסען זענען פאַראַן פעהיגערע מענשען ווי די „אויסדערוועהלטע".

דער ספּאָרט נעהמט אָן וואס אַמאָל מעהר רעאַלערע פאָרמען און דרינגט אַריין אין די ברייטע קרייזען, דער-וועקט פעראינטערעסירונג ביי אַלע שיכטען. אין די דעמאָקראַטישע מלוכות טראָגט דער ספּאָרט כמעט א נאַציאָ-נאַלען כאַראַקטער. אַזוי, למשל, אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך ווערט דער אָנהויב פון פוטבאַל-סעזאָן ער-עפענט דורכ'ן קעניג אָדער פּרעמיער-מיניסטער, וועלכער וואַרפט אַרויס דעם באַל דער ערשטער אַלס סימבאָלישען אָנהויב פון סעזאָן. גאָר אַנדערש שטעלט זיך פאַר דער ענין ספּאָרט ביי אונז יודען.

דער אָנהויב פון ספּאָרט ביי יודען דאַטירט זיך כמעט איינצייטיג מיט דער ענטשטעהונג פון דער רענעסאַנס-בעוועגונג, צוזאַמען מיט דער בעפריי-אונג פון דער גלות פּסיכאָלאָגיע, פון אָבוואַרטען משיח מיט'ן ווייסען פערד.

צוזאַמען מיט דער ענטשטעהונג פון ציוניסטישען בעפרייאונגס-געדאַנק און מאַקס-נאָרדישער תקופה האבען יודען אָנגעהויבען קלערען וועגען אויסגליי-כען דעם רוקען און שטאַרקען די מוס-קולען, בכדי צו זיין א פאָלק מיט פעלקער צוגלייך.

די ספּאָרט-בעוועגונג האט אין אָנ-הויב געפונען זעהר א שוואַכען אָב-קלאַנג אין דער יודישער געזעלשאַפט. עפּיס האט מען אויף ספּאָרטלער גע-קוקט ווי אויף קאָזשעליק מאַכער'ס אָדער פּוסט-און-פּאַסטניקעס און דער-פאַר האָט מען זיך צום ספּאָרט בעצ-ויגען מיט אזא חוזק און ביטול.

צוזאַמען מיט דעם ענטוויקלונגס-פּראָצעס פון די פרייהייטס-אידעאַלען פון שיבת ציון האט אויך דער ספּאָרט אָנגעהויבען אַריינדרינגען צווישען די ברייטע שיכטען פון יודענטום, צו-ערשט צו דער יודישער אינטעליגענץ און נאָכמעהר צו די פאָלקס-מאַסען.

אין אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאהר-הונדערט און קורץ פאַר די מלחמה-יאהרען ווי אויך נאָך דער קריג איז דער ספּאָרט ביי יודען געווען זעהר פּאָפּולער און כמעט די גאַנצע פאָרט-געשריטענע יוגענד האט זיך מיט'ן ספּאָרט פעראינטערעסירט.

יעצט, ווען ספּאָרט ביי יודען האט שוין געדאַרפט דערגרייכען דעם העכ-סטען שטאַפּעל, מערקט זיך א גע-וואַלדיגע ירידה. דער ספּאָרט ביי יו-דען קייקעלט זיך באַרג אַראָב, עס פערשווינדען גרויסע יודישע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האבען ערשט נישט-לאַנג געשפּיעלט אזא וויכטיגע ראָלע אויפ'ן ספּאָרט-פעלד און מיט יעדען טאג ווערען מעהר איינגע-שרימפּען די יודישע ספּאָרט כוחות.

ווען מיר קומען היינט-צו טאג אויפ'ן ספּאָרט-פּלאַץ אויף א ספּאָרט אימפּרעזע פּרעגען מיר מיט שטוינונג: וואו זענען די טויזענדער יוגענדליכע מאַסען פּימ-פּאַטיקער און פערעהרער פון יודישען ספּאָרט, וועלכע האבען ערשט מיט איינינע יאהר צוריק פערפּולט דעם ספּאָרט-פּלאַץ, בעוואונדערנדיג די יו-דישע קעמפענדע ספּאָרטלער.

עס איז ליידער א טרויעריגע ער-שיינונג וואס די יודישע ספּאָרט פּלע-צער פּוסטעוועט און אין די ספּאָרט זאַלען שימלען די ספּאָרט-מכשורים.

עס איז א איראָניע פון גורל ווען גראָד היינט ווען עס פּאָדערט זיך, אַז די יודישע יוגענד זאָל זיין פיזיש שטאַרק, מוטיג און שטאָלץ, בכדי זיך אָקעגענצושטעלען די אַטאַקעס פון גרויזאַמען שונא, שטעהט די יודישע יוגענד מן הצד, עס פרעגט זיך דע-ריבער: פאַרוואָס, יודישער יוגענדלי-כער, האט איהר אזא סקעפּטישע בעצ-יהונג צו דעם פאַר אייך לעבענס-נויטווענדיגען ספּאָרט?

אָבקלאַנגען פון דער שרפה אין מישקאָוו

אין דער מישקאָווער שפּי-נעריי פון אויגוסט שמעלצער אויסגע-בראָכען אין דער נאַכט פון מאָנטאג אויף דינסטאג א שרפה, וואס האט גענצליך פערניכטעט צוויי פאַבריקס-זאַלען מיט רויה-שטאָף, ווי אויך צוויי מאַגאַזינען. צום גליק זענען קיין מענש-ליכע קרבנות נישט געווען.

צוליב'ן טיילווייזען פערניכטען פון דער פאַבריק, וועט א טייל אַרבייטער פערבלייבען אָהן בעשעפטיגונג ביז צו דער צייט פון צוריקאויפבויען די פער-ברענטע זאַלען.

לויט די פּראָוויזאָרישע אויסרעכנונ-גען דערגרייכט דער שאַדען ביז א מיליאָן זלאָטעס. די אויספאָרשונג האט פעסטגעשטעלט, אַז די שרפה איז ענט-שטאַנען צוליב'ן אָנצינדען זיך פון דער צונויפגעזאַמעלטער סחורה.

„האָט די וועלט א יודעלע"

צחי" אויפטריטען פון דזשיגאַן — שומאַכער

מיר האבען שוין לאַנג נישט געהערט א גוטען וויץ, שוין לאַנג נישט געזעהען א פּאָר געלונגענע קורצע סאַטירישע בילדער, וועלכע זאָלען אונז מאַכען לאַכען ביז גאָר.

דזשיגאַן און שומאַכער קומען אַראָב צו אונז מיט נייעם פּראָגראַם און וועלען דאָ געבען צוויי פאָרשטעלונגען שבת, דעם 6 און זונטאג, דעם 7 ד. ח. אין זאַל פון די פייערלעשער.

דעם טשענסטאָכאָווער יודישען טעאַטער-עולם זענען זיי שוין גוט בעקאַנט פון זייערע פּיעלמאַליגע אויפטריטען. ס'איז גענוג, אַז דזשיגאַן זאָל בלויז אַרויסשטעקען דעם קאָפּ, אַז דער עולם זאָל אויסברעכען מיט א שטורמישען געלעכטער.

און שומאַכער. דער דאָזיגער אינטע-ליגענטער אַרטיסט האט אונז שטענדיג ענטציקט מיט זיינע געלונגענע נומערן.

מיט זיי וועט אויך אויפטרעטען די בעקאַנטע זינגערין פון פאָלקס-לידער לאָלאַ פאָלמאַן, וועלכע נעמט שטאַרק אויס מיט איהרע לידער און זאַכען, וועלכע זענען ספּעציעל פאַר איהר געשריבען דורכ'ן יונגען דיכטער יצחק פערלאָוו.

דאס היגע טעאַטער-פּובליקום וועט זיכער אויסנוצען די געלעגענהייט און בעזוכען די פאָרשטעלונגען פון געזאַנג, הומאָר, טענץ און געלעכטער.

די איבערגעבליבענע צאָהל בילעטען איז נאָך צו בעקומען היינט אין דרוקעריי פון ה' באַטשאַן, אַלעס 6 און מאָרגען שבת פון 11 פריה ביי דער קאַסע פון טעאַטער.

די שלושים נאָך שלמה בן-יוסף אין טשענסטאָכאָוו

צו די שלושים נאָכ'ן טראַגיש-אומ-געקומענעם שלמה בן-יוסף אין א"י, האבען זיך פרייטאג נאָכמיטאג בעווי-זען אין די היגע גאַסען גרעסערע פּלאַקאַטען מיט'ן בילד פון שלמה בן-יוסף, ווי אויך א רוף פון דער בית"ר-צענטראַלע צו דער יוגענד.

זונטאג נאָכמיטאג איז אין דער שטאָדט-שוהל פאָרגעקומען אַנ'אזכרה, איינגעאָרדענט דורך דער נייער ציוניס-טישער אָרגאַניזאַציע. נאָכדעם ווי דער שטאָדט-חזן ה' כאַלעווע זאָגט איינינע תפילות, האלט א לענגערען רעפעראַט ה' ח.ל. יונגסטער, וועלכער דריקט אויך אויס דעם פּראָטעסט פון דער יודישער יוגענד געגען דער קאַלטבלוטיגקייט פון דער מאַנדאַטאָר-מאַכט לגבי דעם צווילדעוועטען אַראַבישען טעראָר.

דאַן האט גערעדט פּרעזעס ש. ניע-מיראָווסקי און ווען ער האלט ביים פערענדיגען די אזכרה ענטשטעהט א סקאַנדאַל. א גרופּע לינק-ראַדיקאַלע עלעמענטען איז אַריין אין שוהל און מיט פערשידענע אויסרופען געפּרובט שטערען די רוהיגע שטימונג, אָבער א דאַנק דער ענערגישער האַלטונג פון די רעוויזיאָניסטישע אָרדנער און פון די שוהל-גבאים איז די אזכרה פערענ-דיגט געוואָרען מיט „התקוה" און „בשוב ד'."

א פּראָצעס פאַר רעמאָלירען דעם קרייז-לאָקאַל פון פ. פ. ס.

דאס קרייז-געריכט האט די לעצטע טעג בעטראַכט דעם פּראָצעס פאַר אַנ'אָנפאַל אויפ'ן קרייז-לאָקאַל פון פ.פ.ס. אין זאַוואָדזיע.

די דאָזיגע שטורמישע פּאַסירונג, וואס אילוסטרירט די הערשענדע בעציהונגען, האט געהאט פאָלגענדען פערלויף: אונטער'ן שיין פון דער הער-שענדער פינסטערניש איז א גרעסערע גרופּע פון געגנער פון פ.פ.ס. צוגעקו-מען צום לאָקאַל, אין וועלכען ס'איז פאָרגעקומען א פּאַרטיי-פערזאַמלונג פון פ. פ. ס. דעם צייכען צו די אַרויסטרע-טונגען האט געגעבען א סימפּאַטיקער פון די נאַראָדאָווצעס, וועלכען ס'האט זיך איינגעגעבען אַריינצוקומען אויף דער פערזאַמלונג. אינ'ם מאָמענט, ווען ער האט אָנגעהויבען צו רעדען נישט אין גייסט פון פ.פ.ס. האט די אָנגעקו-מענע גרופּע איהם געמאַכט אָוואַציעס. סוף כל-סוף איז דער פּראָוואָקאַטאָר דערוויטערט געוואָרען פון זאַל און דאַמאָלס האבען די אָנגעקומענע כולי-גאַנעס בעוואָרפען דעם לאָקאַל מיט א האַגעל שטיינער. אומזיסט האבען די בעלי-בתים געפּרובט צו פערזיכערן די פענסטער, אַרויסשטעלענדיג טישען און בענקלעך; די שטיינער האבען געמאַכט א חורבן, אַזוי אַז דער לאָקאַל האט אויסגעזעהן ווי נאָך א פּאָגראָם.

צו קיין ערנסטערע פאָלגען איז נישט געקומען א דאַנק דער באַלדיגער אינ-טערווענץ פון עלטערן פּאָסטערונקאָווי נאָווינסקי, וועלכער האט אויסגעשאָסען איינינע מאָל אין דער לופטען. דער המון האט אָבער אין אָנהויב זיך נישט געשראָקען, נאָר דעם פּאָליציאַנט בע-וואָרפען מיט שטיינער און ס'איז זאָגאָר געפאַלען א שאָס פון המון, וועלכער איז סוף כל סוף אָבגעטרעטען.

אין קרייז-געריכט איז די לעצטע טעג פאָרגעקומען דער עפּילאָג. אַלס אָנגעקלאָגטע זענען אויף דער בעשול-דיגונגס באַנק געזעסען: סטאַניסלאַוו שווידערסקי, סטעפאַן גלאַוואַצקי, לעאָן אָפּאַלאַ, עדמונד יאַבלאָנסקי און אַמ-בראָזשי קאַמיעניאָוש.

די געריכטס פערהאַנדלונג האט צו-געשטעלט פיעל בעלאַסטענדען מאַטער-יאַל געגען סטאַניסלאַוו שווידערסקי'ן. אַזוי האבען די עדי ראיה דערצעהלט, אַז שווידערסקי האט מיט א שווערד אין דער האַנד אָנגעפיהרט מיט'ן המון. דערצו האט נאָך דער עלטערער פּאָ-סטערונקאָווי נאָווינסקי כאַראַקטעריזירט שווידערסקי'ן אַלס אַגרעסיווען מיטגליד אָדער סימפּאַטיקער פון דער ענדעקי-שער פּאַרטיי.

דאס געריכט האט אָנערקענט בלויז שווידערסקי'ס שולד פאַר בעגרינדעט און איהם פערמשפּט אויף 8 חדשים תּפיסה, אָנווענדענדיג ווייטער דעם צוואַנגס-אַרעסט. דאַגעגען די איבעריגע אָנגעקלאָגטע זענען פריינעשפּראָכען געוואָרען.

געזעגענונג פונ'ם אובעזופּיעטשאַלניע-דירעקטאָר

מאָנטאג האט דער דירעקטאָר פון דער היגער אובעזופּיעטשאַלניע אינוש. גלושטשאַק, וועלכער ווערט איבערגע-טראָגען אויפ'ן אַמט פון אובעזופּיע-טשאַלניע-דירעקטאָר אין לובלין, איבער-געגעבען זיין אַמט דעם צייטווייליגען פערטרעטער יורי-מאַגיסטער טש. מאַני-קאָווסקי, - דירעקטאָר. פון דער אובעזופּיע-טשאַלניע אין פּויזען.

דעמזעלבען אָוונד איז אין „פּאָלאָ-ניא" פאָרגעקומען א געזעגענונגס-באַנ-קעט, אויף וועלכען ס'זענען אויסגע-רעכענט געוואָרען דיר. גלושטשאַק'ס פערדינסטען פאַר דער היגער אובעזו-פּיעטשאַלניע.

קינא „לונא" פיהרט איין רעוויס

אין די נאָהענטסטע טעג פיהרט איין די דירעקציע פון קינאָ „לונא" סצעני-שע אויפטריטען פון אַרטיסטען נאָך יעדען פילם-סעאַנס.

צו דער ערשטער רעוויע זענען דורך דער „לונא"-דירעקציע אַנגאַזשירט גע-וואָרען די בעליבטע הומאָריסטען, זינ-גער און טענצער: סקווירטשינסקאַ, פּוכאַלסקאַ, קאָלפּיקובנאַ, פּאָלישעווסקי, וועליש און פּאַפּטשינסקי.

די דאָזיגע נייעס וועט געוויס צוצי-העו א גרעסערן עולם און ערפאָלג, וואָרום צוליעב די גרויסע היצען ליידען די קינאָס לעצטענס גרויסע היזקות.

פערשוואונדען א 13-יעהריג יונגעל

דעם 27-טען פּ. ח. האט פון דער וואוינונג פון זיינע עלטערן (אָלשטינ-סקאַ 133) זיך דערוויייטערט דער 13-יעהריגער יוזעף קובאַט און מעהר נישט צוריקגעקומען. ווער עס ווייסט וועגען זיין יעצטיגען וואוין-אָרט ווערט געבעטען מודיע צו זיין דער פּאָליציי.

געזעלש. „טאָז“, אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.

שבת, דעם 13 אויגוסט ה. י. 6 אָווענד אין ערשטען, 7 אָווענד אין צווייטען טערמין וועט פאָרקומען אין לאָקאַל פון „טאָז“, ב. יאָסעלעוויטש גאַס № 3

די יעהרליכע **אַלגעמיינע פערזאַמלונג**

מיט פאָלגענדען סדר היום: 1) עפענונג און וואַהלען פון א פּרעזידיום, 2) פּראָטאָקאָל פון דער פאָריגער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, 3) בעריכט פאַר'ן בודושעט-יאהר 1937–38. 4) פּרעלימינאַר אויפ'ן בודושעט-יאהר 1938–39. 5) ערגענצונגס וואהלען צו דער פערוואַלטונג, מיטגלידער פון עהרען געריכט און רעוויזיאָנס קאָמיסיע, 6) פרייע פאָרשלאַגען.

די פערז. וועט פאָרקומען אין צווייטען טערמין ביי יעדער צאהל אנוועזענדע.

עפענטליכע ערקלערונג

חשוב'ער ה' רעדאַקטאָר!

דערמיט בעט איך אייך געפעליגסט אָבצודריקען אין אייער וו. צייטונג מיין פאָלגענדע ערקלערונג, פאַר־וואָס איך דאַנק אייך פאָראויס:

זיינער צייט האט מען זיך צו מיר געוואָנדען מיט דער בקשה, אז איך זאָל אונטערשרייבען אַנ'אויפרוף לטובת דעם מפעל פאַר דער „הסתדרות העובדים הלאומית“ אין ארץ ישראל. זעהענדיג די אונטערשריפטען פון פאַרשטעהער פון פערשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און נישט האבענדיג גענוג צייט אויסצופיהרליך פונאַנדערצוגלידערען דעם ציעל פון דער דאָזיגער אַקציע, האָב איך אין פלוג געמיינט, אז דאס איז אַנ'אַלגעמיין ציוניסטישער מפעל. אינצווישענצייט אבער האָב איך זיך דערוואוסט, אז די דאָזיגע אַקציע איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דורך דער רעוויזיאָניסטישער עקזעקוטיווע.

איך בין נישט דאָ אויסען צו אַנאַליזירען די אופנים און מעטאָדען פון די רעוויזיאָניסטישע גרופּעס. כ'ציה צוריק עפענטליך מיין אונטערשריפט און ערקלער קאַטעגאָריש, אז כ'בין אַנ'אונבעדינגטער געגנער פון כל-ערליי ארויסטרעטונגען און אַקציעס, וואָס אָרדנען זיך נישט אונטער דער אַלגעמיינער דיסציפּלין פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

בברכת ציון און מיט דרך ארץ:

ד"ר א. בראָם

פּרעזעס פון דער ציונ. אָרג. אין טשענסט.

בלוטיגע פאַמיליען-טראַגעדיע אין צענטער שטאָדט

אייגענטימער פון דער צוקערניע „ראָמאַ“ דערשאָסען דורך זיין פרוי

אין דער נאַכט פון מאָנטאָג אויף דינסטאָג האט אין דער פאַמיליע פונ'ם אייגענטימער פון דער צוקערניע „ראָמאַ“, יונג, זיך אָבגעשפּילט א בלוטיגע טראַגעדיע. אין זיין אייגענער וואוינונג, איז דערמאָרדעט געוואָרען מיט 7 רעוואָלווער-קוילען, דער אייגענטימער פון דער צוקערניע מיעטשיסלאוו יונג.

אָרום האַלבער נאַכט האבען די דורכגעהער אויפ'ן רוג צווייטע אַלעע און אַלעע קאָשטשושקי, דערזעהן ארויסלויפען פון דער צוקערניע א יונגע פרוי אין נאַכט-העמד מיט צושויבערטע האָר. די דאָזיגע פרוי האט געמאַכט אונברחמנות'דיגע קולות, פון וועלכע ס'האט זיך געהערט דאָס וואָרט: „באַנדיט“.

נעבען דעם געוועלב פון „גאַניעץ“, איז די לויפענדע פרוי אומגעפאַלען, נישט איבער־רייסענדיג דאָס שרייען און וואַלגערן זיך, ווי אין א היסטעריע-אַנפאַל.

עס א'יז מאָמענטאַל ענטשטאַנען א צוזאַמענגעלויף און ס'האט זיך באַלד אויך בעוויזען פּאָליציי. די אַנגעלאָפענע האבען דערקענט די פרוי פון אייגענטימער פון דער צוקערניע „ראָמאַ“ מאַריא יונג, צוליב וואָס מאַנכע זענען טאַקע אַרויף אין דער וואוינונג, וועלכע געפינט זיך אויפ'ן ערשטען שטאָק איבער דער צוקערניע.

אין הויז האָרט נעבען דער וואוינונגס טהיר איז געלעגען אין א קאַלוזשע בלוט מאַריאַן יונג, אויך אין דער נאַכט-וועש. פון אייניגע וואונדען האט געפלאָסען בלוט.

ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזען האט יונג בעקומען 7 קוילען, פון וועלכע איינע איז אריין אין מויל און אַרויס דורכ'ן מוח, מאנכע אין בויך, לעבער און אין די פיס. מאַנכע שפורען בעוויזען, אז די שאָסען זענען געפאַלען פון דער נאָהנט.

דער שווער פערוואונדעטער יונג האט ארויסגעזאָגט עטליכע אונקלאָרע ווערטער, פון וועלכע איינס איז געווען: „ווייב“.

די שכנים האבען דעם פערוואונדעטען איבערגעטראָגען אין שכנות'דיגען שטאָדטישען שפּיטאָל, וואו ס'איז אדורכגעפיהרט געוואָרען א באַלדיגע אָפּעראַציע. באַלד דערנאך איז אויך אין זעלבען שפּיטאָל געבראַכט געוואָרען די פרוי יונג, וועלכע האט בעקומען א שטאַרקען שגעון-אַנפאַל.

דער שווער-פערוואונדעטער מיעטשיסלאוו יונג האט קומענדיג אויף א ווייל צום בעוואוסטזיין ערקלערט דעם דר. פילץ, אַז ער איז נעפאַלען א קרבן פון א באַנדיטען-אַנפאַל.

ערקלערונג אייניגע מינוט פאַר'ן טויט קלערט אויף דעם אויסגעשריי פון זיין ווייב אויף דער גאַס.

דער צושטאַנד פון פערוואונדעטען האט, טראָץ אַלע אַנגעוואַנדענע מיטלען, זיך פערערגערט פון מינוט-צו-מינוט און ארום 3 א זייגער פאַרטאָגס האט ער אויסגעהויכט די נשמה.

ווי ס'איז צו זעהען לויט די שפורען, זענען די ערשטע שאָסען געפאַלען אין שלאָף-צימער און די איבריגע אין עס-צימער. יונג'ס רעוואָלווער איז געפונען געוואָרען אויפ'ן טיש מיט אַנ'אויסגעליידיגטען קוילען מאַגאַזין.

אויפ'ן אָרט פון בלוטיגען פאַרפאַל זענען אין דער פריה נעקומען די געריכטליכע אויספאָרשונגס-מאַכט מיט'ן ריכטער קוואַשניעווסקי און געפיהרט א גענויע אויספאָרשונג.

ווען פרוי יונג איז געקומען צום בעוואוסטזיין, האט זי א פערצווייפעלטע אָבגעגעבען פאָלגענדע ערקלערונגען פאַר'ן אויספאָרשונגס-ריכטער:

דאס צוזאַמענלעבען פונ'ם פאָרפאָלק איז זייט א לענגערע צייט נישט געווען קיין גליקליכעס. דעם קריטישען אָווענד, ווען איהר מאָן איז איינגעשלאָפען, איז פרוי יונג א שטאַרק אויפגערעגטע פון דער דורכגעמאַכטע קראַנקהייטען און קריגערייען מיט'ן מאָן, ארויס פון בעט, אָנגעטהון זיין הוט און מאַנטעל און מיט'ן רעוואָלווער אין דער האַנד זיך דערנעהנטערט צום שלאָפענדען. איך וואָלט נישט אויסגעשאָסען — האט זי געזאָגט — ווען מיין מאַן וואָלט זיך נישט איבערגעוועקט. אָבער ווען ער האט געעפענט די אויגען און געפרעגט וואָס איך טהו, האָב איך זיך נישט געקענט בעהערשען. פּלוצים זענען מיר אויפ'ן געדאַנק געקומען אַלע עולות פון דער לעצטער צייט. ווען דער פערוואונדעטער האט אויסגערופען: — מאַריאַ, וואָס טהוסטו ?! וואָס וועט זיין מיט די קינדער ? ! — האָב איך זיך בעדענקט, איך האָב געוואָלט איהם ראַטעווען און בין אראָבגעלאָפען אויף דער גאַס.

ס'ווייזט זיך ארויס, אז פרוי יונג איז דורך דער קוך אריין אין דער צוקערניע, וואו ס'ענען נאך געזעסען געסט, צווישען וועלכע ס'איז ענטשטאַנען א פאַניק. דאַן איז זי ארויס אויף דער גאַס, וואו זי איז אויך געפאַלען.

יונג האט מיט די לעצטע כחות זיך דערשלאָגען ביז צו דער איינגאַנגס-טהיר פון דער וואוינונג און אויף דער שוועל ערשט געבליבען ליגען אין אָהנמאַכט.

די פרוי יונג פערבלייבט פאָרלויפיג אין שפּיטאָל.

פאַן י. ט. ס. פ. „מכבי“

דעם 1 אויגוסט איז אָבגעפאָהרען די ערשטע גרופּע ספּאָרטלער אויף דעם זומער-לאַגער פון פּוילישען „מכבי“ קיין מיקוליטשין.

עס ווערען שוין אָנגענומען איינשרייבונגען אויף דעם פרישען טורנוס, וועלכער הויבט זיך אָן אין קורצען.

דער אָבצאָהל איז א מינימאַלער 64 זל. א חודש. אין משך פון די 4 וואָכען בעקומט יעדער אנטיילנעהמער אַנ'ערשטקלאַסיגע אויסהאַלטונג ווי אויך א באַהן-הנחה פון 80 פּראָצענט.

עס ווערען שוין געמאַכט צוגרייטונגען צו דעם בעפאָרשטעהענדען באָקס-סעזאָן, אזוי ווערט צווישען אנדערע אָרגאַניזירט א באָקס קורס. עס ווערען אויך געפיהרט פערטראַקטאַציעס וועגען אַנגאַזשירען א באָקס אינסטרוקטאָר.

כוליגאַנישער אַנפאַל אויף דער צוריקרייזע פון אַלשטין

זונטאָג פאַרנאַכט האט, ווי פיעל הונדערטער אַנדערע, זיך אומגעקעהרט מיט א ריסאָרקע פון אַלשטין דער היגער איינוואוינער הירשל בערקאָוויטש. ווען די ריסאָרקע האט זיך געפונען נאָהנט ביי טשענסטאָכאָוו, נעבען די פאַבריקס הייזער פון די „מאָטעס“, האט פּלוצים זיך בעוויזען א גרופּע כוליגאַנעס, וועלכע האבען אַראָבגעשלעפּט דעם דערמאַנטען בערקאָוויטש, וואָס איז געזעסען דער לעצטער אויף דער ריסאָרקע און מיט מעסערס איהם געמאַכט עטליכע וואונדען אין קאָפּ.

די איבריגע רייזענדע צוזאַמען מיט'ן פוהרמאַן האבען דערשראָקענע, אַנשטאָט צו קומען צו-הילף דעם צושטאָכענעם יוד, נאך שנעלער אַנגעיאָגט די פערד און ערשט קומענדיג אין שטאָדט אריין דערצעהלט וועגען בערקאָוויטש'ס גורל.

א גרופּע דרייסטערע יונגעלייט זענען דאַן אויף ראָווערען אַרויסגעפאָהרען צום אָרט פון אַנפאַל און אַנגעטראָפען אייניגע קריסטינס, וועלכע האבען זיך פעראינטערעסירט מיט'ן צושטאָכענעם און איהם ערטיילט די ערשטע הילף.

דער פערוואונדעטער איז איבערגעפיהרט געוואָרען אין יודישען שפּיטאָל אַריין, וואו ער איז פערבליבען אויף קוראַציע, אָבער צוליעב דער פערערגערונג אין זיין געזונד-צושטאַנד, איז ער איבערגעפיהרט געוואָרען אין א קראָקאווער הייל-אַנשטאַלט.

מושין ביי קריניץ!

פּענסיאָנאַט „זגאָדאַ“

אינהאָבער: מ. באַדער

עמפּפעהלט שעהנע צימערן, שמאַקהאַפטע שפּייזען צו מעסיגע פרייזען.

גוטע בעדינונג. — פיינע געזעלשאַפט.

KINO „EDEN“.

אייביגער קאָנפליקט פון פאַמיליען-דריי - עק!

זי—דאָקטאָר'ס אַסיסטענטקע, זי—די פרוי, ער—דאָקטאָר.

Lekarz pięknych kobiet

אין די הויפּט-ראָלען:

לאָרעטאַ יונג, וואָרנער באַקסטער.

געשיכטע פון א דאָקטאָר, אין וועלכען ס'ליבען זיך אַלע פּאַציענטינס.

איבער'ן פּראָגראַם:

רעווי פון וואַרשאָווער שטערנס:

אַנדזשעיעווסקאַ, גראָסובנאַ, אָרדאָנובנאַ, טערנע, זשעליכאָווסקאַ, שעלאָנסקי, זניטש, אָרוויד, גראָשעגסקי, כאָרדאָנאַ. — 20 פּערזאָן.

זונטאָג האַלב 1 א מיטאָג - סעאַנס פון דערמאַנטען פּראָגראַם.

Kino „LUNA“

זעהר פרעהליכע קאָמעדיע מיט דער רייצענדער

DANIELLE DARIEUX

וואָס פעראייניגט הומאָר און פרעהליכקייט

DEDE

18 מאָדעלקעס — 16 גירלס.

פון ספּאָרט

זש. ק. ס. — „מכבי“ 3:0

שבת, דעם 30 טען ד.ח. איז פאָרגעקומען אויפ'ן „מכבי“ ספּאָרט פּלאַץ א פוטבאָל פריינדשאַפטס - מעטש צווישען דעם היגען „מכבי“ מיט'ן קאַטאָוויצער זש. ק. ס. טראָץ דעם טריבען וועטער האבען מאַסען מענשען בייגעוואוינט דעם מעטש וואס איז לעצטענס א זעלטענע ערשיינונג אויף א יודישער ספּאָרט-אימפּרעזע.

א גרויסען רושם האט געמאַכט אויף אַלע אַנוועזענדע דאס איבעררייסען דעם מעטש אויף אייניגע מינוט צוליב'ן טרויער און שלושים נאך שלמה בן-יוסף.

די קאַטאָוויצער שפּילער שטעלען מיט זיך פאָר אַנ'ערשטקלאַסיגע פוטבאָל מאַנשאַפט, זיי בעזיצען טעכניק און רוטין. באַלד ביים אָנהויב פון מעטש איבערגעהן די געסט אין א שטאַרקען אַנגריף, האַבענדיג די איבערוואָג איבער דעם היגען „מכבי“. נאך א שטאַרקען אַנגריף שיסט אַבראַהאַם דעם ערשטען גאָל, וואס עס פערבלייבט ביז צו דער פּויזע. נאך דער פּויזע שיסען די קאַטאָוויצער גאָטרייך און לימוואַק נאך צוויי טויערען. ביים צושטאַנד פון 3:0 ענדיגט זיך דער מעטש.

בנוגע אַזאַ שטאַרקען געגנער איז די מכבי מאַנשאַפט אויסגעפאַלען פיעל בעסער. דער רעזולטאַט איז אָבער א בכבוד'יגער. פון די „מכבי“-שפּיעלער האבען זיך אויסגעצייכענט דער טויער-מאַן סעצעמסקי, ה. גליקסמאַן און דער יונגער בעסערגליק.

פון די מייסטערשאַפטס - ספּאָרט-שפּילען אין טשענסטאָכאָוו

אין קויש-און נעץ-באָל האט „מכבי“ פערנומען דאס דריטע אָרט, טרעפענדיג זיך אין קאַמף מיט 8 ספּאָרט-קלובען.

דאס ערשטע אָרט האט פערנומען „בריגאַדע“.

אין די מייסטערשאַפטס-קאַמפען פון שטשיפּיאָרניאַק, ווי אויך אין די איבריגע ספּאָרט-שפּילען האט דער היגער „מיליטערישער ספּאָרט-קלוב“ זיך צוריקגעצויגען פון ווייטערדיגען אַנטייל צוליעב דעם ברוטאַלען שפּיעלען און נישט-ספּאָרטליכען אויפיהרען זיך פון דעם ענדעקישען קלוב „סאָקול“ פון ראַקוב.

דער שטאָדטישער קאָמענדאַנט פון פיזישער ערציהונג ה' קוטיבא האט זיך ערלויבט צוצולאָזען צו די פינאַל-קאַמפען דעם „סאָקול“, טראָץ דעם וואס זיי האבען פערשפּילט און אַוועקגעפאַלען אין האַלב-פינאַל. אזוי ארום האט ה' קוטיבאַ בע'עולה'ט די „בריגאַדע“, „מכבי“ און „סקראַ“, וועלכע האבען אריינגעטראָגען אַנ'ענטשפּרעכענדען פּראָטעסט אין קרייז-פערבאַנד.

ע. י—טש.

די היגע „הפועל“ - ספּאָרטלער זיך אויסגעצייכענט אין בענדין

זונטאָג, דעם 31-טען פ. ח. איז אין בענדין פאָרגעקומען דער ערשטער לייכטאַטלעטישער און גימנאַסטישער צוזאַמענטרעף פון 80 „הפועל“-ספּאָרטלער פון בענדין, סאָסנאָוויץ און טשענסטאָכאָוו.

פון די טשענסטאָכאָווער ספּאָרטלער האבען זיך אין די פערמעסטונגען אויסגעצייכענט: ווינער-2 אין לויפען אויף 1500 און 800 מעטער, שילדהויז, וועלכער איז מיט אַנ'אויסגעצייכענטען סטיל אויף 400 מעטער אָנגעקומען צו דער מעטע צוזאַמען מיט'ן בעסטען בענדינער יודישען ספּאָרטלער רושינעק, פריילין גוטאַ פערנעמט דאס ערשטע אָרט אויף 60 מעטער, פרל. געלבהויער זיגט אויף 400 מעטער און ביי די דריי-איבונגען האבען זיך אויסגעצייכענט יאַקובאָוויטש און שוואַרץ. דער היגער „הפועל“ האט אויך גענומען דאס ערשטע אָרט אינ'ם אָלימפּישען שטאַפעטען-לויף.

פון די דאָזיגע רעזולטאַטען איז צו זעהען, אז די יונגע ספּאָרטלער פון „הפועל“ מאַכען ריזען-פאָרטשריט.